STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05041

# SEYFER KITSER SHULHN OREH IN IDISHER IBERZETSUNG

Solomon ben Joseph Ganzfried

*Permanent preservation of this book was made possible by an anonymous donor*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

# קצור שלחן ערוך

אין

# אידישער איבערזעצונג

כולל

# דינים פון ראש השנה, יום הכפורים, סוכות, שמיני עצרת, שמחת תורה, חנוכה, ארבע פרשיות, ופורים.

דער ספר קצור שלחן ערוך אין לשון הקדש איז מסודר דורך
הרה"ג ר' שלמה גאַנצפריד ז"ל.

איבערזעצט אין דער אידישער שפּראַך דורך
הרב גבריאל פּאָללאַק.
ברוקלין, נ. י.

ערב ראש השנה שנת תשי"ז לפ"ק

Published and Copyright 1956 by
RABBI G. POLLAK
81 Harrison Ave.
Brooklyn 6, N. Y.

<<<<>>>>

Printed in U. S. A. by
SAPHROGRAPH CO.
194 Elizabeth Street
New York 12, N. Y.

# דינים פון חודש אלול

**א.** די טעג פון ראש חודש אלול ביז נאָך יום כפור זיינען טעג פון באַוויליגונג. אַ גאַנץ יאָהר נעמט הקדוש ברוך הוא אָן די תשובה פון די וואָס טאָן תשובה מיט זייער גאַנצן הארצן, אָבער די דערמאָנטע טעג זיינען מעהר געאייגענט פאַר תשובה, ווייל זיי זיינען ימי רחמים ורצון, ווייל משה רבנו עליו השלום איז אַרויף אויפ'ן באַרג סיני נאָך די צווייטע לוחות ראש חודש אלול און איז אַרונטער צען טעג אין תשרי, דעמאָלט איז געווען דער סוף פון פאַרגעבונג, פון דעמאָלט זיינען די טעג באַשטימט געוואָרן פאַר טעג פון באַוויליגונג און דער צענטער טאָג אין תשרי פאַר יום כפור. עס איז אַ מנהג אין פילע ערטער צו פאַסטען ערב ראש חודש אלול און זאָגען סדר יום כפור קטן כדי צו־צוגרייטען דאָס האַרץ פאַר תשובה. ווען עס פאַלט אויס ראש חודש אלול אים שבת מאַכט מען יום כפור קטן דאָנערשטאָג פאַר שבת. דער ר"י הקדוש שרייבט אַז דער פסוק „ואשר לא צדה והאלהים אנה לידו ושמתי לך" (ווער עס האָט זיך ניט מכוון געווען און הקב"ה האָט איהם געמאַכט טרעפן) זיינען די ראשי תבות אלול. דאָס איז אַ רמז אַז חודש אלול איז די געאייגנעטע צייט תשובה צו טאָן אויף די עבירות פון אַ גאַנץ יאָהר און איז אויך מרמז אַז אפילו אויף די עבירות וואָס מען האָט געטאָן בשוגג (ניט ווילענדיג) דאַרף מען אויך תשובה טאָן. די וואָס דרשנ'ען אָנדייטונגען פון פסוקים האָבן אויך גע'דרשנ'ט די פסוקים „ומל ה' אלהיך את לבבך ואת לבב זרעך" (הקב"ה וועט באַשניידען דיין האַרץ און דאָס האַרץ פון דיינע קינדער, אַז דו זאָלסט ליב האָבן הקב"ה) זיינען ראשי תבות אלול, אויך „איש לרעהו ומתנות לאביונים" (איינער פאַרן אַנדערען און מתנות פאַר אָרעמעלייט) איז ראשי תבות אלול. דאָס איז אַ רמז אויף די דריי זאַכען, תשובה, תפילה און צדקה. „ומל ה'" צייגט אויף תשובה, „אני לדודי" צייגט אויף תפילה, „איש לרעהו" צייגט אויף צדקה.

**ב.** מען בלאָזט שופר דעם גאַנצן חודש, אָנגעפאַנגען פון צווייטען טאָג ראש חודש אלול. יעדען פרי נאָך שחרית בלאָזט מען תקיעה שברים תרועה, חוץ ערב ראש השנה וואָס מען בלאָזט ניט כדי צו מאַכן אַ חילוק צווישן די תקיעות וואָס זיינען אַ רשות און די תקיעות פון ראש השנה וואָס זיינען אַ חיוב. דער טעם

פון די תקיעות איז כדי מעורר זיין דעם עולם צי תשובה ווייל דער קול שופר מאַכט דערוועקען און דערשרעקען ווי אין פסוק שטייט. „ווערט דען געבלאָזען שופר אין שטאָט און דאָס פאָלק זאָל ניט דערשרעקען". אויך איז אַ מנהג אין אונזערע מדינות צו זאָגען פרי און אָוונד דעם מזמור „לדוד ה' אורי" פון דעם צווייטען טאָג ראש חודש אלול אָנגעפאַנגען ביז שמיני עצרת, ווייל דער מדרש דרש'נ'ט לדוד ד' אורי (ג־ט ברוך הוא איז מיין ליכט) „אורי" בראש השנה, מיין ליכט אים ראש השנה, „וישעי" מיין הילף ביום הכפורים, „כי יצפנני בסוכו" (ער וועט מיך באַהאַלטן אין זיין סוכה) דאָס איז מרמז סוכות. מען איז זיך נוהג צו זאָגען תהילים בצבור — יעדעס אָרט לויט זיין מנהג — פון ראש חודש אלול ביז נאָך יום כפור ווען מען שרייבט אַ בריף צו אַ פריינד זאָל מען דערמאַנען אין אָנפאַנג אָדער אין סוף פון בריף אַז מען ווינשט און בעט אַז ער זאָל זוכה זיין געשריבען און גע'חתמ'עט ווערן בספר חיים טובים.

ג. פרומע אידן זיינען זיך נוהג בודק צו זיין די תפילין און די מזוזות די טעג, אויך יעדע מצוה־זאַך וואָס דאַרף אַ תיקון זיינען זיי מתקן.

ד. נאָך תשעה באב זיבען שבתות זאָגט מען הפטורות וואָס רעדן פון נחמה. ווען ראש חודש פאַלט אויס שבת לאָזט מען אויס די הפטורה עניה סוערה, מען זאָגט השמים כסאי, ווייל עס רעד זיך אויך פון נחמת ירושלים און שבת פ' כי תצא ווען מען זאָגט רני עקרה זאָל מען אויך זאָגן עניה סוערה וואָס שטייט איינס נעבן אַנדערן. ווען ער האָט על פי טעות געזאָגט שבת ראש חודש אלול עניה סוערה, האָט ער זיך דערמאָנט בעפאַר די ברכות זאָל ער אויך זאָגן השמים כסאי און דערנאָך די ברכות, האָט ער זיך דערמאָנט נאָך די ברכות זאָל ער זאָגן השמים כסאי אָהן ברכות. ווען ראש חודש אלול פאַלט אויס זונטאָג זאָגט מען ניט די הפטורה מחר חודש, ווייל עס שטייט דאָרט ניט קיין נחמת ירושלים, נאָר הפטורת עניה סוערה.

ה. מען טעהט אויף פאַרטאָג צו זאָגן סליחות פון זונטאָג פאַר ראש השנה און ווייטער. ווען ראש השנה פאַלט אויס מאָנטאָג אָדער דינסטאָג, פאַנגט מען אָן זונטאָג אַ וואָך פריהער ווען עס איז

נאָך פינסטער זאָל מען זיך וואַשען די הענד און זאָגן על נטילת ידים וברכת התורה און נאָך סליחות, נאָכאַמאָל וואַשן אָהן אַ ברכה.

ו. דער שליח צבור וויקעלט זיך איין אין אַ טלית בעפאָר אשרי ער זאָל זיך ניט איינוויקלן ניט אין זיין אייגן טלית אויך ניט מיטן קהל׳ישען טלית ווייל עס איז אַ ספק צו מען מאַכט אַ ברכה אויף דעם אייגענעם טלית ווען מען טוט עס אָן ביינאַכט דאַרום זאָל ער נעמען אַ פרעמדן טלית דעמאָלט דאַרף ער זיכער קיין ברכה ניט מאַכן. האָט ער אין גאַנצען קיין טלית מעג ער אויך זאָגען סליחות און שלש עשרה מידות אָהן אַ טלית. אין אַ טייל מקומות דאַווענט דער שליח צבור פון סליחות אויך שחרית, מנחה און מעריב די נאַכט בעפאָר, ער איז קודם פאַר איין אבל, מוהל און יאָהרצייט. מען זאָגט סליחות שטעהענדיג נאָר ווען עס איז שווער זאָל ער וועניגסטענס שטעהן ביי „אל מלך יושב" און ביי „שלש עשרה מידות".

ז. פאַר אַ שליח צבור צו סליחות און ימים נוראים נעמט מען אַווירדיגען מענש ער זאָל זיין גרויס אין תורה ומעשים טובים, וואָס גרעסער מען טרעפט. ער זאָל אלט זיין וויניגסטענס דרייסיג יאָהר ווייל דעמאָלט איז שוין דאָס היציגקייט אָבגעקיהלט און דאָס האַרץ דעהמיטיג. ער זאָל האָבן אַ ווייב מיט קינדער וועט ער מיט מעהר כוונה דאַווענען. אויך דער בעל תוקע און דער וואָס זאָגט איהם פאַר די תקיעות זאָלן זיין בעלי תורה ויראה — אָבער פון דין נאָך זיינען אַלע אידן כשר, דערצו ווי לאַנג קהל איז צופרידען פון זיי. ער זאָל אָבער ניט דאַווענען ווען עס קען קומען צו מחלוקת אפילו מען זאָל נעמען אַן אַנדערן וואָס איז וועניגער ווירדיג.

ח. אַן אבל דאָס גאַנצע יאָהר נאָך פאָטער און מוטער זאָל ניט זיין קיין בעל תפלה ראש השנה ויום כפור. אויך ניט בעל תוקע סיידען עס איז ניט דאָ נאָך איינער וואָס איז אַזוי ווירדיג ווי ער. איז ער אין שלושים נאָך די אַנדערע קרובים, אַז ער האָט אַ חזקה צו דאַווענען ראש השנה ויום כפור אָדער צו בלאָזן מעג ער יעצט אויך ווייל ראש השנה ויום כפור נעמט איבער די שלושים. האָט ער קיין חזקה זאָל ער ניט דאַווענען אָדער בלאָזן ווען עס איז דאָ אַן אַנדערער וואָס איז אויך ווירדיג ווי ער.

סליחות מעג אַן אבל זיין שליח צבור אפילו ערב ראש השנה, נאָר ער זאָל ניט זיין אין שבעה.

**ט.** ווער עס זאָגט סליחות ביחידות אָהן מנין זאָל ניט זאָגן שלש עשרה מידות ווי מען זאָגט אַ תפילה נאָר ווי איינער ליינט אין דער תורה מיט׳ן ניגון און די טראָפּן, און דאָרט ווי עס ווערט דערמאָנט שלש עשרה מידות ובכן וזכר לנו היום ברית שלש עשרה, זאָל ער דאָס איבערהיפּען. אויך די תפילות וואָס איז געשריבן אַראַמיש אַזוי ווי מחי ומסי, מרן דבשמיא, זאָל ער ניט זאָגן.

**י.** אַן אבל זאָל ניט גיעהן אין שוהל צו סליחות אַ חוץ ערב ראש השנה וואָס מען זאָגט מעהר סליחות.

**יא.** דער בעל תפילה און אויך דער בעל תוקע זאָלן זיך דריי טעג פאַר ראש השנה אָפּזאָנדערן פון יעדער זאַך וואָס קען ברענגען צו טומאה. זיי זאָלן לערנען ווי ווייט עס איז מעגליך די פירושים פון די תפילות ופיוטים, אויך דינים פון די תקיעות און ספרי מוסר וואָס דערוועקען דאָס האַרץ צו יראת שמים און פאַרשטהן די גרויסקייט פון ה׳ ווען ער משפט די וועלט. ווען דער בעל תוקע איז ניט אַ בעל תורה זאָל וועניגסטענס דער מקריא, דער וואָס זאָגט פאַר די תקיעות, זיין אַ בן תורה וואָס איז בקי אין די דיני התקיעות, כדי ווען דער בעל תוקע וועט מאַכן אַ טעות אין די תקיעות זאָל ער וויסן וואָס צו טאָן. ער זאָל אויך קענען בודק זיין אויב דער שופר איז כשר.

**יב.** עס זיינען זיך פילע נוהג צו פאַסטען די עשרת ימי תשובה און ווייל עס פעהלן פיר טעג וואָס מען פאַסט ניט, די צוויי טעג פון ראש השנה, שבת, און ערב יום כפור, זאָל ער פאַסטען אַנשטאָט דעם פיר אַנדערע טעג פון די סליחות פאַר ראש השנה, דען ערשטען טאָג סליחות, ערב ראש השנה, און נאָך אַנדערע צוויי טעג, געוועגליך מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. ביי אַ סעודות מצוה מעג מען עסען נאָר מען באַצאָהלט עס מיט פאַסטן אַן אַנדערן טאָג.

**יג.** ערב ראש השנה נאָך שחרית איז מען זיך נוהג צו געהן אויפ׳ן בית הקברות מתפלל צו זיין ביי די קברי צדיקים. מען זאָגט מעהרערע תפילות מעורר צו זיין די צדיקים וואָס זיינען אויפ׳ן עולם האמת זיי זאָלן זיין מליצי יושר פאַר אונז אים יום הדין,

ווייל דער אָרט וואָס אַ צדיק איז באַגראָבן איז ריין און הייליג זיינען די תפילות מעהר אָנגענומען און הקדוש ברוך הוא וועט טאָן חסדים אין זכות פון די צדיקים. ער זאָל אָבער ניט מתפלל זיין צו די מתים, ווייל עס קען נאָך זיין בכלל דורש אל המתים, נאָר ער איז מתפלל צום רבונו של עולם ער זאָל זיך מרחם זיין אין זכות פון די צדיקים. ווען עס איז שוין לענגער פון דרייסיג טעג וואָס ער איז געווען אויפ'ן בית עולם זאָגט ער ביים אַריין קומען די ברכה אשר יצר אתכם בדין און זאָגט אויך יהי רצון, אַז די מנוחה פון דעם און דעם וואָס רוהט דאָ זאָל זיין בכבוד און זיין זכות זאָל מירביישטעהן. ער זאָל אויך זאָגן דעם פסוק „ונחך ד׳ תמיד והשביע בצחצחות נפשך ועצמותיך יחליץ והית כגן רוה וכמוצא מים אשר לא יכזבו מימיו תשכב בשלום ותנוח בשלום עד בא מנחם משמיע שלום" (ג-ט זאָל דיך שטענדיג פיהרן, זאָל מיט פרייד זעטיגן דיין נפש און די ביינער אויפפרישן זאָלסט זיין ווי אַן אָנגעטרענקטער גאָרטען און ווי אַ וואַסער קוואַל וואָס טריקענט קיינמאָל ניט אויס, ליג בשלום רוהה בשלום ביז דער טרייסטער וועט קומען און לאָזען הערען שלום). מען זאָל ניט געהן צוויי מאָל אין איין טאָג צום זעלבען קבר. צו ליינען דאָס כתב פון די מצבות ווען דאָס כתב איז אַרויסשטייענדיג איז שעדליך און איז גורם צו פאַרגעסן. עס איז אַ סגולה צו זאָגן אהבה רבה ביז וליחדך באהבה.

**יד.** ערב ראש השנה זיינען זיך אַלע נוהג צו פאַסטן ביז נאָך מנחה, ווען מען זאָל עפּיס טועם זיין כדי ניט אַריינגעהן אין יום טוב פאַסטענדיג. אַ גאַנצן טאָג איז מען עוסק אין תורה ומצוות און תשובה, איבערהויפּט אויף די עבירות וואָס מען האָט חוטא געווען צום חבר. מען וואַרט ניט ביז ערב יום כפור איהם איבערצובעטען נאָר מען טוט עס שוין.

**טו.** מען וואַשט און מען שערט זיך ערב ראש השנה לכבוד יום טוב, נאָר זאָל מען עס טאָן פאַרמיטאָג. מען איז זיך טובל, מען טוט אָן די שבת בגדים צו ווייזען אַז מען איז זיכער אַז הקדוש ברוך הוא וועט אַרויסגעבן אַ גוטן גזר דין.

**טז.** ערב ראש השנה מאַכט מען התרת נדרים. אַ רמז איז דאָ אויף דעם „לא יחל דברו ככל" (ער זאָל ניט פאַרשוועכן זיינע

ווערטער, אלעס וואָס ער זאָגט זאָל ער האַלטן) זיינען סופי תבות אלול. ווען מען פאַרשטייט נישט לשון הקודש מעג מען עס זאָגען אין אַן אַנדערן לשון וואָס מען פאַרשטייט.

## דינים פון ראש השנה

**א.** ביי אַלע קדישים וואָס מען זאָגט פון ראש השנה ביז יום כפור זאָגט מען לעילא לעילא, מען זאָל ניט זאָגן ולעילא. און ווייל קדיש דאַרף האָבן אַכט און צוואַנציג ווערטער זאָגט מען מכל ברכתא און ניט מן כל ברכתא ווי מען זאָגט געוועגליך.

**ב.** עס זיינען דאָ וואָס זאָגן די גאַנצע שמונה עשרה פון ראש השנה ויום כפור איינגעבויגען ווען זיי קומען צו די ברכות פון מגן אברהם און מודים וואָס מען דאַרף זיך ביקן אין אַנפאַנג און סוף פון דער ברכה זאָלן זיי זיך פריִהער אויסגלייכן כדי זיי זאָלן קענען זיך ביקן ווי דער דין איז. אויך איז ניט ריכטיג זיך צו ביקן ביי די ברכות וואָס אונזערע חכמים האָבן ניט מתקן געוועזן זיך צו ביקן. בעסער איז צו דאַווענען מיט גלייכע אברים און אַ געבראָכען האַרץ און מיט טרערן. מען דאַרף פּרווערן די וואָס זאָגן שמונה עשרה מיט אַ קול מען זאָל עס זאָגן שטיל ווי אַ גאַנץ יאָהר. אנדערע זיינען מתיר צו דאַווענען עטוואָס העכער ווי גע־וועגליך אָבער ניט גאָר הויך. מען זאָל אַכטונג געבן ניט משנה צו זיין קיין שום נקודה. עס איז גוט צו האָבן אַ סידור אָדער מחזור וואָס זיינען גוט מדויק.

**ג.** אַנשטאָט האל הקדוש זאָגט מען המלך הקדוש און אַנשטאָט אוהב צדקה ומשפט זאָגט מען המלך המשפט, ווייל די טעג צייגט הקדוש ברוך הוא זיין מלכות צו משפטן די וועלט. האָט ער געמאַכט אַ טעות און געזאָגט האַל הקדוש אָדער ער איז מסופק אויב ער האָט געזאָגט המלך הקדוש, האָט ער זיך באַלד דערמאָנט (ד. ה. ווי לאַנג מען רעדט אַרויס פיר ווערטער) זאָל ער זאָגן המלך הקדוש, דאָס זעלבע המלך המשפט, ער זאָל נישט איבערשטעהן די שמונה עשרה. האָט ער זיך אָבער דערמאָנט שפּעטער איז ביי המלך הקדוש מוז ער איבערשטעהן די שמונה עשרה, ווייל די דריי ערשטע ברכות זיינען אַזוי ווי איין ברכה אפילו דער שליח צבור זאָגט נאָכאַמאָל און מען זאָגט אויך נאָכאַמאָל קדושה. ביי

המלך המשפט אָבער מוז אפילו דער יחיד ניט איבערשטעהן די שמונה עשרה, ווייל ער האָט דערמאָנט המלך אין דער ברכה דורכ'ן יאָהר ווען ער האָט געזאָגט המלך הקדוש, המלך המשפט, מוז ער ניט איבערשטעהן די שמונה עשרה.

**ד.** ביי מגן אבות, שבת ביי מעריב זאָגט מען אויך המלך הקדוש. ווען דער חזן האָט זיך טועה געווען און געזאָגט האל הקדוש האָט ער זיך באַלד דערמאָנט זאָגט ער המלך הקדוש, ווען ניט מוז ער אויך ניט איבערזאָגן נאָכאַמאָל.

**ה.** האָט ער פאַרגעסן זכרנו, מי כמוך, וכתוב און בספר חיים און שוין געזאָגט ברוך אתה ה', וויבאַלד ער האָט שוין גע־זאָגט דעם שם ענדיגט ער די ברכה און דאַוועננט ווייטער כסדר דאָסזעלבע אַז ער האָט פאַרגעסן צו זאָגן ובכן תן פחדך און געזאָגט המלך הקדוש, אפילו נאָר געזאָגט ברוך אתה ה' ענדיגט ער המלך הקדוש און זאָגט ווייטער אתה בחרתנו.

**ו.** ביים סוף שמונה עשרה זאָגט מען עושה השלום, אַנדערע זאָגן המברך את עמו ישראל בשלום. ביים קדיש זאָגן אַלע עושה השלום במרומיו.

**ז.** ווען ראש השנה איז אים שבת זיינען דאָ ערטער ווי מען זאָגט לכו נרננה, אַנדערע הויבן אָן ביי מזמור לדוד און עס זיינען דאָ ערטער ווי מען הויבט אָן מזמור שיר ליום השבת. יעדעס אָרט זאָל זיך פירן לויט'ן מנהג.

**ח.** די ערשטע נאַכט נאָך מעריב ווינשט איינער דעם אַנדערן לשנה טובה תכתב ותחתם און פאַר אַ פרוי תכתבי ותחתמי. ביי טאָג ווינשט מען ניט, ווייל די כתיבה ענדיגט זיך פאַר מיט'ן טאָג. די צווייטע נאַכט זיינען דאָ וואָס ווינשן אויך, ווייל טיילמאָל איז מען אויך דן דעם צווייטען טאָג.

**ט.** ביי דער סעודה פון ביי נאַכט מאַכט מען זאַכן וואָס זיינען סמנים אויף אַ גוט יאָהר. מען טינקט איין די מוציא אין האָניג נאָכדעם ווי מען האָט דערפון געגעסן אַ כזית, זאָגט מען יהי רצון שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה (זאָל זיין דער ווילן פון השם צו באַנייען פאַר אונז אַ גוטן זיסן יאָהר) דאָס זעלבע טוט מען מיט אַ שטיקל זיסן עפיל, מען טינקט עס איין האָניג, מען מאַכט בורא פרי העץ. נאָכדעם ווי מען עסט דערפון זאָגט מען דעם יהי רצון

וואס שטעהט אויבן. מען עסט אויך קאפף פון א לעבעדיגן באַ־שעפעניש, מען זאָגט יהי רצון שנהיה לראש (זאָל זיין דער ווילן פון השם מיר זאָלן שטענדיג שטעהן אין דער שפּיץ). ווען מעגליך זאָל מען האָבן קאָפף פון אַ לעמל, וועט עס זיין אין איינוועגס אַ זכר צו דער עקידה (דער ווידער פון יצחק). מען עסט אויך גרינסן וואָס מען רופט זיי אין דער מדינה מיט נעמען וואָס דייטן אָן אויף גוטע זאַכן למשל ביי אונז עסט מען מעהרן און מען זאָגט יהי רצון שירבו זכיותינו (זאָל זיין דער ווילן אַז אונזערע זכותים זאָלן זיך מעהרן). מען פלעגט אויך עסן פיש, אַ רמז מען זאָל זיך מעהרן ווי די פיש. נאָר מען זאָל עס ניט קאָכן מיט עסיג ווייל מען עסט נישט קיין זוירע און קיין ביטערע זאַכן ראש השנה. מען עסט גוטע פליישן און אַנדערע גוטע זאַכן. מען עסט ניט קיין ניס און קיין האַזעלניס, ווייל „אגוז״ (ניס) באַטרעפט אַזויפיל ווי „חטא״ (זינד), עס איז אויך גורם צו הוסטן און עס שטערט פון דאַווענען. מען לערנט ביים טיש, מען איז זיך נוהג צו לערנען משניות מס׳ ראש השנה.

**י.** די צוויי נעכט ראש השנה האָט מען קיין געשלעכטליכן פאַרקער אַפילו ווען עס איז שבת, סיידען ווען עס איז די נאַכט פון טבילה, נאָר זאָל ער זיך אינדערפרי טובל זיין.

**יא.** ראש השנה ביי אבינו מלכנו חטאנו לפניך, זאָל מען זיך ניט קלאַפּן אויפ׳ן ברוסט ווייל מען זאָגט קיין וידוי אין ראש השנה. מען זאָל אין זין האָבן דעם פשט, אונזערע עלטערן האָבן געזינדיגט פאַר דיר זיי האָבען געדינט עבודה זרה, מיר אָבער האָבן קיין ג־ט חוץ דיר, דאַריבער מאַך מיט אונז חסדים צוליב דיין ליבן נאָמען.

**יב.** ביים אַרויסנעמען דאָס ספר תורה זאָגט מען שלש עשרה מידות, מען הויבט אָן פון ויעבור ה׳ על פניו ויקרא ד׳ ד׳ און ווייטער. שבת איז מען זיך נוהג אין מעהרערע ערטער ניט צו זאָגן שלש עשרה מידות און ניט די תפילה רבונו של עולם.

**יג.** שיעור פון די תקיעות זיינען אַזוי: תרועה דאַרף זיין לכתחילה אַזוי ווי ניין קורצע טענער און שברים זאָל זיין דריי געבראָכענע טענער איינס נאָכן אנדערן, יעדע טאָן זאָל זיין אַזוי לאַנג ווי דריי קורצע פון תרועה, ממילא איז שברים לאַנג ווי

ניין קורצע טענער. ער זאָל ניט מאריך זיין מיט די טענער, ווייל ווען איין שבר איז ווי ניין קורצע טענער איז מען ניט יוצא אפילו בדיעבד. די תקיעה איז אַן איינפאַכע טאָן. ביים סדר תקיעה־שברים־תרועה־תקיעה זאָל יעדע תקיעה זיין לאַנג ווי די שברים־תרועה צוזאַמען, ד. ה. אַכטצען קולות און ביים סדר תקיעה־שברים־תקיעה, זאָל עס זיין לאַנג ווי דער שברים, ד. ה. ניין קולות. דאָס זעלבע ביים סדר תקיעה־תרועה־תקיעה. ביי די תקיעות פון פאַר מוסף מאַכט מען שברים־תרועה אין איין צי, און דער מקריא זאָל עס אויך זאָגן צוזאַמען, שברים־תרועה, אָבער ביי דער הויכער שמונה עשרה מאַכט מען זיי באַזונדער, ער זאָל נאָר ניט וואַרטען לאַנג צווישן זיי נור בלאָזן איינס נאָכן אַנדערן און דער מקריא זאָל זיי זאָגן צוזאַמען.

**יד.** ווען דער מקריא זאָגט די ברכות זאָגט מען ניט ברוך הוא וברוך שמו, נאָר מען זאָל זיך גוט צוהערן צו די ברכות און נאָך יעדע ברכה זאָגן אמן מיט כוונה. מען זאָל ניט מפסיק זיין ביז צום סוף פון אַלע תקיעות נאָך דער הויכער שמונה עשרה. דער שמש זאָל ניט מפסיק זיין מיט אויסרופן - שתיקה יפה בשעת התפילה - (שטילקייט איז גוט ביים דאַווענען) אפילו ווען ער רופט דאָס שטענדיג אויס.

**טו.** מען איז זיך נוהג צו זאָגען יהי רצון צווישן די סדרים פון די תקיעות. מען זאָל ניט דערמאָנען די נעמען פון די מלאכים. אין פילע קהילות זאָגט מען עס אינגאַנצען ניט, און אַזוי איז בעסער. דער עיקר איז זיך מעורר צו זיין צו תשובה מיט'ן גאַנצן האַרצן ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט, כאָטש די תקיעות פון ראש השנה זיינען אַ גזירת הכתוב (אָהן אַ טעם) אַ רמז איז דאָך דאָ. עס זאָגט ערוועקט איהר שלאָפינדיגע פון אייער שלאָף און איהר וואָס זייט פאַרזונקען אין שלאָף פון אייער טיפן שלאָף, אונטערזוכט די מעשים און טוט תשובה, זאָלן געדענקען זייער באַשעפער די וואָס פאַרגעסן דעם אמת צוליב נאַרישקייטן פון צייט און אַלע זייערע יאָהרן פאַרברענגען זיי מיט פוסטע נאַרישקייטן וואָס העלפען־ און רעטן ניט, באַטראַכט אייער נפש און פאַרבעסערט אייער וועג און מעשים, זאָל יעדער פאַרלאָזן זיין שלעכטן וועג און די ניט גוטע מחשבות.

**טז.** ביי דער היכער שמונה עשרה ווען דער חזן זאָגט ואנחנו כורעים זאָגט דער עולם ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים אָדער מען פאַלט ניט צו דער ערד נאָר יום כפור ביי דער עבודה. דער חזן קניט יאָ אַנידער נאָר ער זאָל ניט אויסטרעטן, דאַריבער זאָל ער שטעהן אַ ביסל ווייטער פון שטענדער ער זאָל ניט מוזן אויס־טרעטן. די וואָס שטעהן נעבן איהם זאָלן איהם צוהעלפן ער זאָל ניט דאַרפן אויסטרעטן. דער חזן זאָל ניט בלאָזן די תקיעות פון דער היכער שמונה עשרה, סיידען ער איז זיכער אַז ער וועט ניט מבולבל ווערן.

**יז.** עס זיינען דאָ פאַרשידענע מנהגים ביי די תקיעות פון דער היכער שמונה עשרה, אַזוי אויך ביי די תקיעות פון נאָך דער שמונה עשרה, ווי פיעל צו בלאָזן יעדעס מאָל. יעדער זאָל זיך האַלטן ביי זיין מנהג. נאָך די תקיעות באַהאַלט מען דעם שופר מען זאָל מעהר ניט בלאָזן אפילו כדי זיך איבן צו בלאָזן מאָרגן זאָל מען אויך ניט.

**יח.** אַ ברית מילה מאַכט מען נאָך דער הפטורה, בעפאָר תקיעת שופר, דער רמז זכור ברית אברהם (מילה) נאָכדעם ועקידת יצחק (שופר). שבת מאַכט מען דען ברית נאָך אשרי, איז דער ברית ניט אין שול נאָר אין הויז מאכט מען עס נאָכן דאַוונען.

**יט.** ווער עס האָט שוין יוצא געווען מיט שופר און ער איז מוציא אַנדערע מעג ער מאַכן די ברכות, בעסער איז אָבער ווען דער וואָס איז יוצא זאָגט אַליין די ברכות. איז ער מוציא אַ פרוי זאָל זי זאָגן די ברכות, ווייל על פי דין איז אַ פרוי פטור פון תקיעת שופר. אַנדערע ווילן זאָגן אַז ווען איינער האָט שוין יוצא געווען זאָל ער אין גאַנצן ניט מוציא זיין פרויען. ער זאָל פאַר זיי בלאָזן בעפאָר ער האָט געהערט תקיעת שופר דאַן זאָל ער מאַכן די ברכות און אין זין האָבן אַליין אויך יוצא צו זיין, עס זאָל נאָר ניט זיין אין די ערשטע דריי שעות פון טאָג ווייל מען בלאָזט דעמאָלט ניט ביחידות. ער קען אויך בלאָזן נאָכדעם ווי ער האָט געהערט די תקיעות, ער זאָל נאָר אין זין האָבן ער וויל ניט יוצא זיין מיט די תקיעות נאָר מיט די תקיעות וואָס ער בלאָזט מוציא זיין די פרוי ווען ער געהט נאָכדעם אין שול צו מוסף צו הערן די איבריגע תקיעות איז עס קיין הפסק ער זאָל דאַרפן מאַכן נאָכאַמאָל אַ ברכה,

ווייל אַלע תקיעות זיינען איין מצוה. אַ שוואַכע פּרוי מעג **עסן** בעפאַר די תקיעות.

**כ.** מען געהט אַרויס פון שול געלאַסען, פרעהליך, מיר זיינען זיכער אַז הקדוש ברוך הוא האָט דערהערט אונזערע תפילות און תקיעות. מען עסט און טרינקט לויט די מעגליכקייטן מען זאָל נאָר זיך ניט צופיל אָנעסן, ג־ט׳ס מורא זאָל זיין אויף איהם. מען לערנט ביים טיש, מען לייגט זיך ניט שלאָפן נאָכן עסן נאָר מען געהט אין שול צו זאָגן תהילים בצבור ביז דער צייט פון מנחה, איז ער אָבער גאָר שטאַרק אויסגעמאַטערט מעג ער זיך אַ ביסל צולעגען.

**כא.** נאָך מנחה געהט מען צו אַ טייך, ווען מעגליך אויסר׳ן שטאָט, וואָס עס האָט פיש, מען זאָל זיך דערמאָנען אז מען איז אַזוי ווי די פיש וואָס ווערן געפאַנגען אין אַ נעץ און זאָל תשובה טאָן. אויך איז אַ טעם אַז קיין עין הרע זאָל ביי אונז ניט האָבען קיין שליטה אַזוי ווי עס איז ניט שולט ביי פיש, און מיר זאָלן זיך מעהרן ווי פיש. האָט ער ניט אַ טייך מיט פיש געהט ער צו אַ אַנדערן טייך אָדער אַ ברונן און זאָגט די פסוקים מי אל כמוך. מען איז זיך אויך נוהג אויסצושאָקלען די בגדים, אַ רמז מען זאָל זיך באַשטרעבן צו באַפרייען פון די חטאים און פון היינט ווייטער אויפּפאַסען אַז די בגדים זאָלן זיין ריין פון חטאים. איז דער ערשטער טאָג ראש השנה שבת געהט מען זונטאָג צו תשליך.

**כב.** ווען מען קומט צוריק אין שול און עס איז נאָך ניט צייט צו דאַווענען מעריב זאָל מען זיך היטן פון פאַרברענגען מיט געזעלשאַפט, ווייל ער קען קומען חס ושלום צו דברים בטלים נאָר ער זאָל עוסק זיין אין תורה אָדער תהילים אָדער ספרי מוסר ווייל עס איז אַ הייליגער טאָג פאַר הקדוש ברוך הוא.

**כג.**ביידע טעג ראש השנה האָבן איין קדושה, דאַריבער זיינען די פוסקים מחולק אויב מען מאַכט דעם צווייטען טאָג שהחיינו ביים קידוש, ליכט צינדען און די תקיעות. עס זיינען דאָ וואָס האַלטן מען דאַרף ניט מאַכן, דאַריבער זאָל מען לייגען אַ נייע פרי אויפן טיש ממילא געהט די שהחיינו אויף דעם אויך, אָדער מען טוט זיך אָן אַ נייעם בגד, אויך די פרוי ביים ליכט צינדען ווען מעגליך זאָל זי אָן טאָן אַ נייעם בגד אָדער אַ נייע

פרי לעגן אויפ'ן טיש. אויך דער בעל תוקע זאָל אָנטאָן אַ ניי בגד. האָט מען אָבער ניט, מאַכט אויך ניט אויס, מען מאַכט סיי ווי שהחיינו. איז דער ערשטער טאָג שבת, איז ביים שופר גאָר קיין קלער ווייל מען האָט נאָך ניט געמאַכט קיין שהחיינו אויף די תקיעות.

## דינים פון עשרת ימי תשובה

**א.** עשרת ימי תשובה איז ווי דער נאָמען זאָגט באַשטימט פאַר תשובה, יעדער איז דעמאָלט מחויב תשובה צו טאָן בעפאָר דער גרויסער פאַרכטיגער טאָג, יום כפור, קומט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט פאַר ג־ט ברוך הוא זאָלט איהר זיך רייניגען. עס שטעט אויך זוכט הקדוש ברוך הוא ווען איהר קענט איהם טרעפן, און אונזערע חכמים ז"ל זאָגן דאָס זיינען אין די טעג פון ראש השנה ביז יום כפור, דאַריבער זאָל מען אין די טעג אונטערזוכן די מעשים און תשובה טאָן אויף די שלעכטע מעשים. אויף אַ ספק עבירה דאַרף מען נאָך מעהר תשובה טאָן ווי אויף אַ ודאי עבירה, ווייל מען האָט מעהר חרטה ווען מען ווייסט מען האָט געטאָן אַן עבירה אַווי ווען מען ווייסט ניט, איבערדעם איז אַ קרבן אשם (פאַר אַ ספק עבירה)) געוועזן טייערער ווי אַ חטאת (פאַר אַ ודאי עבירה). מען זאָל אויך מעהר לערנען און עוסק זיין אין מצות און אין צדקה און ווענינער אין געשעפטען. ר' משה קורדוברי ז"ל זאָגט מען זאָל זיך פיהרן אַזוי ווי חול המועד, טאָן נאָר די וויכטיגסטע זאַכן אין געשעפט איבערהויפט דאַרף מען מתקן זיין די דיפערענצען וואָס מען האָט מיט אַנדערע מענשן ווייל אויף דעם איז ניט דאָ קיין כפרה ביז מען בעט איבער דעם חבר און מאַכט גוט די עולה וואָס ער האָט איהם געטאָן.

**ב.** מען זאָל זיך די טעג פיהרען מיט חומרות וואָס מען טוט אַ גאַנץ יאָהר ניט, ווייל מיר בעטן אויך הקדוש ברוך הוא ער זאָל זיך מיט אונז פיהרן ניט לויט'ן שטרענגן דין נאָר לפנים משורת הדין, דאַריבער אפילו ווען איינער איז אַ גאַנץ יאָהר ניט נזהר צו עסן ברויט וואָס איז געבאַקן ביי אידן זאָל איצט יאָ נזהר זיין.

**ג.** ביים בענשן זאָגן אַ טייל הרחמן הוא יחדש עלינו וכו'

אַזוי ווי מען זאָגט ראש השנה.

ד. מען מאַכט ניט קיין חתונה אין די טעג.

ה. שבת תשובה רופט מען אויף צו מפטיר אַן אדם חשוב.

ו. עס זיינען דאָ וואָס זיינען ניט מקדש די לבנה ביז מוצאי יום כפור, ווייל דעמאָלט איז מען שוין פרעהליך, פריהער אָבער איז מען אונמוטיג, אַנדערע אָבער האַלטן עס איז בעסער פריהער מקדש צו זיין מען זאָל האָבן נאָך אַ מצוה פאַר יום כפור. עס איז פיל אָבהענגיג וואָס דער וועטער איז. ווען מען קען שוין באקומען אתרוגים, לולבים והדסים זיינען אָבגעהיטענע אידן זיך נוהג צו קויפן פאַר יום כפור כדי אויך צו האָבן די זכותים פון דער טייערער מצוה.

## דינים פון ערב יום כפור

א. ערב יום כפור פאַר טאָג שלאָגט מען כפרות ווייל דעמאָלט איז רחמים שולט. מען נעמט אַ האָהן פאַר אַ מאַנסביל און אַ הען פאַר אַ פרוי. אַ שוואַנגערע פרוי זאָל נעמען אַ האָן און אַ הען, אַ האָן אפשר וועט זי האָבן אַ זכר און ווען עס וועט זיין אַ נקבה איז געננג איין הען פאַר איהר און דעם קינד. אויך אַנדערע צוויי מענשן קענען שלאָגן מיט איין כפרה, מען זוכט צו קריגן אַ ווייסע עוף, ווייל עס שטעט ווען אייערע חטאים זיינען רויט ווי רויטע פאָדעם וועלן זיי ווערן ווייס ווי שנעה, אָבער מען זאָל ניט דוקא נאָכגעהן נאָך ווייסע און באַצאָהלען טייער, ווייל דאָס איז עהנליך צו מעשי אמורי, נאָר אַז ער קען באַקומען ווייסע זאָל ער דאָס באַפאַרצוגען. מען נעמט די כפרה אין דער רעכטער האַנד און מען זאָגט די פסוקים בני אדם וכו׳ מען דרעהט עס אַרום דעם קאָפּף און מען זאָגט דריי מאָל זה חליפתי, ווען מען שלאָגט פאַר אַנדערע זאָגט מען זה חלפתך. צוערשט זאָל מען אַליין שלאָגן פאַר זיך און דערנאָך פאַר אַנדערע. עס איז גוט ווען מען קען באַלד שחטן נאָך פאַרטאָג. מען זאָל ניט דענקען אַז דאָס איז די גאַנצע כפרה, נאָר ער זאָל טראַכטן, אַז אַלע זאַכן וואָס מען טוט צו דער כפרה וואָלט מען געדאַרפט טאָן צו איהם צוליב זיינע עבירות און זאָל קלאָגען אויף די עבירות און הקדוש ברוך הוא מיט זיין רחמנות וועט זיין תשובה אַננעמען.

מען וואַרפט אַוועק די איינגעווײדע לעבער און נירען, מען זאָל זיי וואַרפן אויף דעכער אָדער אין הויף ווי עופות קענען צוקומען, ווייל עס איז ראוי רחמנות צו האָבן אויף ג־ט׳ס באַשעפענישען, וועט מען זיך אויך אויף איהם מרחם זיין פון הימעל. נאָך אַ טעם פאַרן אַוועקוואַרפן די זאַכן ווייל זיי האָבן הנאה געהאַט פון גזל וועט ער זיך אַריינבעמען אין האַרצן ער זאָל זיך דערווייטערן פון גזל. ווען מען האָט ניט קיין הינער, קען מען נעמען אַ גאַנז אָדער אַן אַנדער באַשעפעניש, וואָס מען האָט עס ניט געבראַכט פאַר אַ קרבן אָבער ניט קיין טויבן ווייל מען האָט זיי געבראַכט פאַר אַ קרבן קען מען דענקען אַז ער ברענגט אַ קרבן אַ חוץ פון בית המקדש. אַנדערע האַלטן מען קען אויך נעמען פיש. עס זיינען דאָ וואָס זיינען זיך נוהג צו געבען די כפרה פאַר אָרעמעלייט, עס איז אָבער בעסער אויסצולייזן אויף געלד און דאָס געלד אַוועקצוגעבן צו אָרעמעלייט.

**ב.** מען זאָגט ניט מזמור לתודה און ניט תחנון און ניט למנצח אויך ניט אבינו מלכינו סיידען יום כפור פאַלט אים שבת זאָגט מען ביי שחרית אבינו מלכנו.

**ג.** עס איז אַ מצוה מרבה צו זיין אין עסען און טרינקען, און ווער עס עסט און טרינקט ערב יום כפור לשם מצוה ווערט עס גערעכנט ווי ער וואָלט געפאַסט אויף דעם טאָג. עס איז אַ מצוה צו עסן פיש ביי דער ערשטער סעודה.

**ד.** די עבירות וואָס מען האָט געטאָן צו מענשען איז יום כפור ניט מכפר ביז מען וועט איהם איבערבעטען, ווייל עס שטייט אייערע זינד פאַר ג־ט זאָלט איהר זיך רייניגען, יום כפור רייניגט נאָר פון זינד קעגן ג־ט ברוך הוא, אָבער ניט פון זינד קעגן מענשן ביז מען איז איהם מפיס, דאַריבער זאָל מען אַכטונג געבן ווען מען האָט ביי זיך יענעמס געלט ניט אויף אַן ערליכן אופן עס איהם אָפּצוגעבען און איבערבעטן. אויב ער איז מסופק צו דאָס געלט קומט איהם צו ניט, זאָל ער לאָזן וויסן דעם חבר אַז באַלד נאָך יום כפור איז ער גערייט צו געהן מיט איהם צו אַ דין תורה און וועט אויספאָלגן אַלעס וואָס מען וועט פסק׳ענען אפילו ווען ער האָט איהם נאָר מיט ווערטער וועה געטאָן מוז ער איהם איבער־בעטן. ער זאָל אַליין געהן איבערצובעטן, סיידען עס קומט איהם

אָן זעהר שווער אָדער ער דענקט אַז דורך אַ פּאַרמיטלער וועט ער זיך ענדער איבערבעטן. דעם וואָס מען בעט איבער זאָל מיט'ן גאַנצן האַרץ מוחל זיין און זאָל ניט זיין קיין אכזר, ווייל דאָס איז ניט קיין אידישע מידה נאָר די מידה פון עשיו וואָס אויף איהם שטעהט זיין גרימצאָרן האַלט זיך אויף שטענדיג. עס שטעהט אויך ביי די גבעונים ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט מוחל זיין די גבעונים זיינען ניט קיין אידישע קינדער, דער דרך פון אַ אידען דאַרף זיין לאַנג צו נעמען ביז ער ווערט אין כעס און זיך לאָזן שנעל איבערבעטען, ער זאָל מיט'ן גאַנצן האַרצן מוחל זיין אפילו ווען מען האָט איהם גאָר שטאַרק וועה געטאָן זאָל ער זיך ניט איילען נוקם צו זיין, אדרבה ווען מען קומט איהם ניט איבערבעטן זאָל ער טאָן פּעולות אַז ער זאָל איהם איבערבעטן און ווער עס רייסט ניט אַרויס שנאה פון זיין האַרץ אים יום כפור ווערט חס ושלום זיין תפלה ניט דערהערט, אָבער דער וואָס איז אַ פאַר־געביגער וועט מען איהם אויך פאַרגעבן זיינע עבירות.

**ה.** ווען דער וועמען ער האָט אָן עולה געטאָן איז געשטאָרבן זאָל ער נעמען אַ מנין אידען צו זיין קבר און זאָגן: איך האָב געזינדיגט צו ג־ט פון ישראל און צו דעמיעניגען וואָס ליגט דאָ, און זיי ענטפערן, מען איז דיר מוחל, מען איז דיר מוחל. ער זאָל זיך אויסטאָן די שיך און אַרויסזאָגען דעם חטא ווען עס קומט ניט אַרויס דערפון אַ בזיון פאַר דעם מת, איז דער קבר ווייטער פון דריי פרסאות, מוס ער ניט געהן פערזענליך, ער קען שיקען אַ שליח און דער שליח זאָל דאָרט נעמען אַ מנין אידן און זאָל זאָגן, איך דער שליח פון דעמיעניגען בין מודיע ברבים, אַז ער האָט מיך געשיקט מחילה צו בעטן דעם מת. האָט ער איהם מבזה געוועזן שוין נאָכ'ן טויט מוס ער ניט געהן צום קבר, ער זאָל מחילה בעטן אויפן אָרט ווי ער האָט מבזה געוועזן. האָט ער אויף איהם מוציא שם רע געוועזן (אַ שלעכטן שם געמאַכט) דאַרף ער מקבל תשובה זיין, ווייל ער האָט עובר געוועזן אויף דעם חרם הקדמונים ניט מוציא שם רע צו זיין אַ מת.

**ו.** עס איז אַ מצוה זיך טובל צו זיין ערב יום כפור כדי זיך צו רייניגען פון טומאת קרי, אויך ווייל ווען מען טוט תשובה איז מען ווי אַ גר וואָס איז זיך מתגייר און ער דאַרף טבילה.

דאַריבער זאָלן זיך אויך יונגע קינדער, זין און טעכטער, טובל זיין. ער זאָל זעהן ניט צו האָבן אַ חציצה אויף זיך. דער עיקר צייט פון טבילה איז נאָכמיטאָג. ווען אַ פרוי האָט געהאַט גע־שלעכטליכע באַציאונג אין די דריי טעג, וואָס דעמאָלט קען זי פאַרלירען זאָמען און זי וועט זיין ווי בעל קרי, וועט די טבילה ניט העלפן, זי זאָל זיך פריהער וואַשן מיט הייס וואַסער וועט זי מעהר קיין זאָמען פאַרלירען, נאָר ווען זי האָט געהאַט באַציאונג בעפאָר די צייט פון טבילה, אָבער בעפאָר איהר מאָנאַטליכע פעריאָדע, וואָס דעמאָלט איז זי מעהר געאייגנעט צו פאַרשווענגערן און דורך הייס וואַסער קען זי אַ מאָל שעדיגען איהר שוואַנגער־שאַפט זאָל זי זיך ניט וואַשן מיט הייס וואַסער נאָר זיך טובל זיין אין קאַלט וואַסער. אַן אבל ר״ל קען זיך וואַשן און טובל זיין איינס־צוויי שעה פאַר נאַכט אפילו בעפאָר מנחה. אַנדערע דינים פון אבילות אָבער, ווי צו זיצען אויף דער ערד אָהן שיך געהט אָן ביז ביינאַכט.

**ז.** יעדער בעל הבית איז זיך נוהג אָנצינדען אַ ליכט פאַר זיין בני בית ווייל משה רבינו איז אַרונטער געקומען מיט די צווייטע לוחות יום כפור און די תורה ווערט אָנגערופען ליכט, און אַן אַנדער ליכט צינד מען אָן פאַר די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע עלטערן אויף זיי מכפר צו זיין. מען צינד אָן איינס אין דער היים וואָס עס זאָל ברענען ביז הבדלה און אויף דעם אַ ברכה מאַכן, דאָס אַנדערע צינד מען אָן אין שול. עס זאָל ניט זיין געמאַכט פון וואַקס וואָס קומט פון בתי עבודה זרה, ווייל עס זיינען פאַרהאַנדען וואָס זיינען מקפיד ווען עס גערט אויס דאָס ליכט, עס האָט אפילו קיין שום גרונד, איז דאָס בעסטע צו געבען עס צום שמש און ער זאָל ניט וויסן וועלכעס זיין ליכט איז. מען נעמט די ליכט אין שול ווען מען געהט צו מנחה און מען שטעלט עס אויפן אָרט ניט ווען מען געהט צו מעריב, ווייל דעמאָלט איז די צייט מעהר בצמצום.

**ח.** מען טוט אָן די שבת מלבושים ווען מען געהט צו מנחה. נאָך שמונה עשרה זאָגט מען וידוי. בעפאָר אלהי נצור זאָגט מען יהיו לרצון אוון מען זאָגט אלהינו ואלהי אבותינו תבא לפניך ביז וחליים רעים, נאָכדעם אלהי נצור און דאַן נאָכאַמאָל יהיו לרצון. ווען ער האַלט אין מיט׳ן וידוי און דער חזן האָט אָנהויבען די הויכע

שמונה עשרה קען ער נאָכזאָגן אמן, קדושה און מודים.

**ט.** וידוי זאָגט מען שטעהענדיג איינגעבויגען אַזוי ווי ביי מודים. ביי די חטאים קלאַפּט מען אויפן האַרץ צו זאָגן דו האָסט דאָס מיר גורם געווען. מען זאָגט די וידוי וואָס עס שטהט אין סידור, האָט ער געטאָן אַ חטא וואָס עס ווערט ניט דערמאָנט, אַזוי ווי ער זאָגט די וידוי שטיל זאָל ער דערמאָנען אויך דעם חטא און זאָל מתודה זיין ביט אַ ביטער האַרץ און פאַרגיסן טרערן אַזוי אויך ווען ער קומט צו אַ חטא וואָס ער האָט עובר געווען פון די וואָס זיינען דערמאָנט זאָל ער זיך מיט מעהר אייפער אויסגיסען דאָס האַרץ. ווען ער האָט מתודה געווען פאַר אַ יאָהר און ער ווייסט אז ער האָט דאָס יאָהר ניט געטאָן דעם חטא, זאָל ער דאָך נאָכאַמאָל מתודה זיין אַזוי ווי עס שטעהט, מיין זינד איז שטענדיג פאַר מיר.

**י.** נאָך מנחה זאָגט מען ניט קיין אבינו מלכנו, ניט קיין חילוק צו יום כפור פאַלט אים שבת צו אין דער וואָכן.

**יא.** מען איז זיך נוהג צו שלאָגען מלקות נאָך מנחה. עס איז ניט ריכטיג מלקות, עס איז נאָר כדי ער זאָל זיך גוט פאַרטראַכטען תשובה צו טאָן. מען נעמט אַ רימען פון קאַלבס לעדער וואָס איז ניט ברייט קיין טפח, ועמען מען שלאָגט בייגט זיך איין, קניט אַרונטער, זיין פנים צו צפון און דער רוקן צו דרום און זאָגט וידויים דורך דער צייט וואָס מען שלאָגט איהם. ווער עס שלאָגט זאָגט דריימאָל והוא רחום וואָס זיינען ניין און דרייסיג ווערטער קעגן די ניין אוון דרייסיג מלקות.

**יב.** פאַרנאַכט עסט מען די סעודה המפסקת. מען עסט זאַכן וואָס איז ניט שווער צו פאַרדייען אַזוי ווי עופות פלייש, קיין פיש עסט מען ניט ביי דער סעודה. מען עסט און מען טרינקט ניט קיין זאַכן וואָס דערהיצען. מען עסט ניט קיינע געווירצטע און געפעפרטע מאכלים. מען זאָל זעהר אַכטונג געבן מוסף זיין פון וואָכן אויף יום טוב, דאַריבער זאָל מען אויפהערן צו עסן אַ ביסל פאַר בין השמשות. די זעהר אָפּגעהיטענע הערן אויף אַזוי ווי אַ שעה פאַר נאַכט ווען עס איז נאָך לאַנג טאָג און ער וויל עסן און טרינקן נאָך דער סעודה המפסקת זאָל ער בפירוש אויס־רעדען פאַרן בענטשן אָדער וועניגסטענס אין זינען האָבן אַז ער וועט נאָך עסן און נאָך ניט מקבל תענית זיין.

**יג.** מען איז זיך ביי אונז נוהג ניט צו שטעלן טשאָלענט אויף מוצאי יום כפור ווייל עס זעהט אויס ווי ער גרייט צו פון יום כפור אויף אין־דער וואָכן, אויך זעהט עס אויס ווי ער וואָלט געוועזן אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין עסן.

**יד** עס שטעט ג־ט׳ס הייליגקייט איז מכובד, דרשנט מען אַז דאָס איז יום כפור וואָס מען עסט און מען טרינקט ניט, זאָל מען עס דאָך מכבד זיין מיט שיינע קליידער און ליכט וואָס ווערט באַטראַכט פאַר כבוד, אַזוי ווי עס שטעהט מיט ליכט זייט מכבד השם. פאַרנאַכט דעקט מען צו די טישן מיט טישטיעכר און מען טוט ליכט צינדן אַזוי ווי ערב שבת, אויך אין שלאָפצימער זאָל ער לאָזן ברענען ליכט, ער זאָל ניט קומען צו געשלעכטליכע באַ־רירונג. מען מאַכט אַ ברכה להדליק נר של יום הכפורים, אים שבת זאָגט מען של שבת ושל יום הכפורים.

**טו.** מען איז זיך נוהג אָנצוטאָן דעם קיטל וואָס איז אַ בגד פון מתים ווערט זיין האַרץ ווערן צעבראָכען און אונטערטעניג, אויך אָן אבל מעג אָנטאָן דעם קיטעל. — און ווייל עס איז אַ בגד באַ־שטימט צום דאַווענען זאָל מען ניט געהן דערמיט אין בית הכסא — פרויען קליידען זיך אויך אין ריינע ווייסע קליידער. זיי זאָלן זיך אָבער ניט צופיל צירען צוליב מורא יום הדין.

**טז.** עס איז אַ מנהג אַז פאָטער און מוטער בענשן זייערע קינדער בעפאָר זיי געהן אין שול ווייל דעמאָלט איז שוין דאָ קדושת יום הכפורים און די שערי רחמים זיינען שוין אָפען, זיי ווינשן אַז זיי זאָלן געחתמ׳ט ווערן צים גוטן לעבן און זייער האַרץ זאָל זיין אויפגעריכט מיט יראת השם און זיי בעטן מיט געוויין און טרערן אַז די תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן. אויך די קינדער זאָלן ווערן נתעורר צו געהן אין גוטן וועג און זיך האַלטן אין וועג פון צדיקים. אַנדערע געהן אויך צו קרובים, תלמידי חכמים און צדיקים זיי צו בעטן זיי זאָלן זיי אין זין האָבן ביי די תפילות פון די הייליגע און פאָרכטיגע טעג. מען זאָל דאָס אָבער מאַכן לאַנג בעפאָר נאַכט ווייל ווען עס קומט די צייט פון נאַכט דאַרף מען עס מקבל זיין רוהיג און מיט ישוב הדעת. דער נוסח פון בענשן קינדער איז ישמך אלקים אָ. ז. וו. און יעדער שטעלט צו וואָס זיין האַרץ דיקטירט, דאַן זאָגט ער די תפילה

זאָל זיין דער ווילן פון השם אַריינגעבען אין דיין האַרץ זיין ליב־שאַפט און זיין פאָרכט. זיין מורא זאָל זיין אויף דיר דיין גאַנץ לעבן, דו זאָלסט ניט זינדיגן, דיין חשק זאָל זיין אין תורה און מצות, דו זאָלסט האָבן דען ריכטיגן קוק, דיין מויל זאָל רעדן חכמות און דיין האַרץ זאָל טראַכטן ג־ט׳ס פורכט, דיינע הענד זאָלן עוסק זיין אין תורה ומצות, דיינע פיס זאָלן לויפען צו טאָן דען ווילן פון הקדוש ברוך הוא, ער זאָל דיר געבן קינדער צדיקים און צדקניות וואָס זיינען עוסק אין תורה און מצות זייער גאַנץ לעבן, זאָל זיין דיין קוואַל געבענשט. ער זאָל דיר באַשערן פרנסה מהיתר מיט נחת בריוח פון זיין ברייטער האַנד, דו זאָלסט ניט דאַרפן אָנקומען צו מתנות פון מענשן און זאָלסט צייט האָבן פאַר עבודת הבורא, זאָלסט ווערן געשריבען און גע׳חתמ׳ט צו אַ גוטן לאַנגען לעבן מיט אַלע צדיקים פון ישראל אמן.

**יז.** מען איז זיך נוהג אָנצוטאָן דעם טלית. מען זאָל אָנטאָן ווען עס איז נאָך טאָג און מאַכן אַ ברכה, ווען ער האָט זיך פאַר־שפעטיגט און עס איז שוין בין השמשות זאָל ער קיין ברכה ניט מאַכן.

## סדר פון יום כפור נאַכט

**א.** עס איז אַ מנהג אַז דער חשוב׳סטער פון צבור נעמט אַרויס אַ ספר תורה און געהט אַרום די בימה און דער עולם קושט דאָס ספר תורה און מען בעט מחילה אויף דעם וואָס מען האָט פאַרשוועכט דעם כבוד התורה און מען נעמט זיך פאַר פון איצט אָן און ווייטער צו געהן בדרך התורה. מען זאָגט עטליכע מאָל דעם פסוק אור זרוע לצדיק, דערנאָך שטעלט ער זיך מיט דעם ספר אויף דער רעכטער זייט פון חזן און אַן אנדערער פון די חשובים נעמט אַרויס אַן אַנדער ספר און שטעלט זיך אויף דער לינקער זייט פון חזן, אַלע דריי זאָגן בישיבה של מעלה, דער חזן זאָגט דאַן כל נדרי מיט׳ן באַוואוסטן ניגון און אַלע זאָגן איהם שטיל נאָך. מען פאַנגט אָן כל נדרי בייטאָג און מען ציהט אַריין אין דער נאַכט. נאָך ברכו שטעלט מען צוריק די ספרים און זיי געהן צוריק אויף זייער אָרט. שבת טוט מען דאָס בעפאָר מזמור שיר ליום השבת.

ב. ווען דער חזן זאָגט שהחיינו זאָל ער אין זין האָבן מוציא צו זיין דעם צבור, דאָך איז בעסער אַז ער זאָל אין זין האָבן ניט יוצא זיין מיט'ן חזן'ס שהחיינו נאָר ער זאָל אַליין שטיל מיטזאָגן די ברכה. ער זאָל ענדיגן פאַר'ן חזן כדי ער זאָל קענען נאָכזאָגען אמן. פרויען וואָס האָבן שוין געמאַכט שהחיינו ביים ליכט צינדען, דאָסזעלבע ווען דער מאַן האָט געצינדען ליכט און געמאַכט שהחיינו, זאָלן ניט מיטזאָגן מיט'ן חזן.

ג. יום כפור ביי נאַכט און ביי טאָג זאָגט מען הויך ברוך שם כבוד מלכותו.

ד. עס זיינען דאָ וואָס שטעהן ביים גאַנצן דאַווענען יום כפור ביי נאַכט און ביי טאָג, זיי מעגען זיך אָנלענען אויף עטוואָס ווען זיי ווערן מיד, זייער טעם איז כדי צו זיין ווי מלאכים, דאַריבער זאָלן פרויען ניט שטעהן. ווען מען איז איינמאָל גע־שטאַנען מיט'ן געדאַנק שטענדיג אַזוי צו טאָן און ער וויל חרטה האָבן מוז ער זיך לאָזן מתיר נדר זיין.

ה. עס זיינען דאָ וואָס בלייבן אַ גאַנצע נאַכט אין שול און זאָגן שירות ותשבחות. ווען ער האַלט ביים איינדרימלען זאָל ער זיך דערווייטערן פון ארון הקודש. חזנים זאָלן ניט אויף זיין, עס קען שאַדען צו זייער קול. מען זאָגט פיר מזמורים תהילים פאַר'ן געהן שלאָפען, עס איז אַ סגולה געגען קרי ר"ל, ווייל זיי האָבן דריי הונדערט און זעקס ווערטער און פיר מזמורים זיינען דריי הונדערט און צען אַזויפיל ווי קרי. מען דעקט זיך ניט צו מיט ווארעמע דעקען, על כל פנים ניט די פיס.

## דינים פון יום כפור

א. יום כפור איז אסור צו עסן, טרינקן, שמירן זיך, אָנטאָן שיך און האָבן געשלעכטליכע באַציאונג. עס איז אַ איסור צו טאָן יעדע מלאכה און באַוועגן מוקצה אַזוי ווי שבת, און ווייל מען מוז מוסף זיין מחול להקודש זיינען די זאַכן אַסור אַ שטיקעל צייט פאַר נאַכט אַזוי אויך מוצאי יום כפור אַ צייט נאָכ'ן אויפ־געהן פון די שטערן.

ב. זיך צורירען צום עסן און טרינקן וואָס מען גרייט צו פאַר קינדער זיינען אַ טייל מתיר און אַ טייל ווילן עס אסר'ן

ווען מעגליך זאָל מען זיך דערפון היטן.

ג. דער איסור פון וואַשן זיך זעה סימן קכד סעיף ז. ח. ט. אויך יום כפור איז נאָר אסור וואַשן זיך פון תענוג, מען זאָל זיך היטן ניט וואשן מעהר ווי מען מוז. צו מנחה, נעילה און מעריב מוז מען זיך ניט וואַשן ווייל מען איז אַ גאַנצן טאָג אין שול ביים דאַווענען זיינען די הענד אָפּגעהיטן און מען דאַרף זיך ניט וואַשן.

ד. די כהנים צום דוכנ׳ען וואַשן זיך די הענד ביז צום אָרעם, ווען ער האָט זיך אין דער פרי געוואַשן נאָר די פינגער און געמאַכט על נטילת ידים, דאָס וואַשן העלפט ניט צום דוכנ׳ען און ער מוז זיך נאָכאַמאָל וואַשן די גאַנצע הענד. ער זאָל מאַכן נאָכאַמאָל על נטילת ידים. בעסער איז ער זאָל זיך אין דערפרי וואַשן די גאַנצע הענד ביז די אָרעם און מאַכן על נטילת ידים וועט ער ניט דאַרפן מאַכן אַ ברכה נאָכאַמאָל.

ה. אַ קראַנקער אפילו ניט מסוכן מעג זיך וואַשן ווי שטענדיג אַ כלה אין די דרייסיג טאָג נאָך דער חופה מעג זיך וואַשן דאָס פנים זי זאָל ניט ווערן פאַר׳מיאוס׳ט ביים מאַן.

ו. ווער עס זעהט קרי חס ושלום, איז עס נאָך פייכט זאָל ער עס אָפּווישן מיט אַ טוך, איז עס שוין טרוקען וואַשט ער אָפּ די ערטער ווי עס איז פאַרשמירט ווייל עס האָט דעם דין ווי צואה. ער זאָל עס ניט וואַשן מיט אַ טוך, ער זאָל ניט וועלן עס אויסדריקען. מען טאָר זיך ניט טובל זיין אפילו ווען דורכ׳ן יאָהר איז ער זיך יאָ טובל. ער זאָל דערציילן זיין צער צו אַ תלמיד חכם אַז עס האָט מיט איהם געטראָפן אין אַזאַ הייליגן פאַרכטיגן טאָג און ער וועט איהם אָנווייזן וואָס צו טאָן און וועט האָבן אריכת ימים אמן.

ז. צו שמירן זיך איז אסור אפילו כדי אַרונטערצונעמן שמוץ, אפילו ניט אַ טייל פון קערפער. אַ קראַנקער אפילו ניט קיין מסוכן מעג זיך שמירן ווי שטענדיג. ווער עס האָט אַ מכה אַזוי ווי ביי אונז שמירן זיך ניט געזונטע מענשן אַ גאַנץ יאָהר, איז אסור ער זאָל זיך שמירן ווייל עס זעהט אויס ווי ער מאַכט אַ רפואה.

ח. שיך אָנטאָן: עס זיינען דאָ וואָס אסר׳ן אפילו הילצערנע

שיך וואָס זיינען ניט באַדעקט מיט לעדער, אָבער געמאַכט פון גראָז, שטרוי אָדער מאַטריאַל איז מותר. מען זאָל נזהר זיין ניט צו געהן אין שיך אפילו אין רעגן און אין אַ בלאָטע, אפילו ווען ער געהט צווישן גוים, איז איהם אָבער זעהר שווער צו געהן אָהן שיך אין רעגן און בלאָטע זאָל ער אָנטאָן שיך אָהן שטעקל אָדער ער זאָל בייטען דעם רעכטען שיך אויפ'ן לינקען פוס און פאַרקערט ווען ער קומט פאַר דער שול, זאָל ער עס אויסטאָן און בעהאַלטן. ער זאָל ניט צורירן צו די שיך ביים אָנטאָן און אויסטאָן, ער זאָל זיך ניט דאַרפן וואַשן די הענד.

**ט.** מען מעג שטעהן אויף לעדערנע דעקען נאָר ביי דער שמונה עשרה זאָל מען אויף גאָר ניט שטעהן, אָבער ווען ער איז פאַרקיהלט מעג ער שטעהן אויף אַ ביסל גראָז.

**י.** יעדער קראַנקער אפילו ניט מסוכן אָדער ווער עס האָט אַ מכה אויפ'ן פוס אַזוי אויך אַ קינפעטאָרין אין די דרייסיג טעג מעגן אָנטאָן די שיך.

**יא.** מען זאָל ניט צורירן צו דער פרוי אפילו ניט בייטאָג גאַנץ יום כפור. ער זאָל איהר האַלטן ווי אַ נדה.

**יב.** שוואַנגערע פרויען און זייגערינס פאַסטן ווי יעדער אַנדערער. אַ זייגערין וואָס איהר קינד איז קראַנק און וויל נאָר פון איהר זייגען און ווען זי זאָל פאַסטן קען עס זיין אַ סכנה פאַר'ן קינד זאָל ניט פאַסטן.

**יג.** אַ שוואַנגערע פרוי וואָס האָט געשמעקט אַ ריח פון אַ מאכל און עס האָט איהר אָנגעגלוסט און עס איז באַוואוסט ווען מען זאָל עס איהר ניט געבן קען זי און אויך דאָס קינד זיין אין סכנה, ווען זי אַליין פאַרלאַנגט זאָל מען איהר געבן אפילו איהר פנים ווערט ניט פאַרענדערט. איז איהר פנים פאַרענדערט געוואָרן אפילו זי פאַרלאַנגט ניט רוימט מען איהר איין אין איהרע אויערן אַז היינט איז יום כפור, ווייל אַמאָל באַרוהיגט זי זיך דורך דעם, העלפט עס אָבער ניט זאָל מען איהר געבן אויף דעם אופן, צוערשט וויניג מען טינקט איין דעם פינגער אין זופ און מען גיבט עס אין איהר מויל, אַמאָל באַרוהיגט זי זיך מיט אַ טראָפן, העלפט עס אויך ניט גיבט מען איהר ווניגער ווי דער שיעור, העלפט עס אַלס ניט גיבט מען וויפיל זי דאַרף אַזוי איז מיט יעדן איינעם

וואָס האָט געשמעקט אַ מאכל און זיין פנים ווערט פאַרענדערט, איז ער אַ מסוכן און מען זאָל איהם געבן אויף דעם אופן וואָס מיר האָבן געשריבען, איז זיין פנים ניט פאַרענדערט געוואָרן זאָל מען איהם ניט געבן אפילו ווען ער פאַרלאַנגט.

**יד.** אַ קומפעטאָרין און אַ חולה וואָס איז אין סכנה בנוגע עסן און טרינקען און טאָן פאַר זיי אַ מלאכה אין יום כפור איז דאָס זעלבע ווי אים שבת, נאָר בנוגע עסן און טרינקן אפילו מעהרערע דאָקטוירים זאָגען אַז ער מוז ניט קריגען צו עסן, אפילו ווען זיי זאָגן אַז עסן קען איהם שאַדען און דער קראַנקער זאָגט אַז ער מוז עסן, אפילו ער זאָגט אַז איצט איז עס נאָך ניט קיין סכנה נאָר ווען ער וועט ניט עסן קען ער שפּעטער זיין אין סכנה הערט מען זיך צו צום קראַנקען ווייל בנוגע עסן און טרינקען פאַרשטעהט דער קראַנקער בעסער, ווייל דאָס האַרץ פיהלט דאָס ביטערקייט פון זיין נפש.

**טו.** ווען מען גיבט אַ קימפעטאָרין אָדער אַ קראַנקען צו עסן לייגט מען דאָס מאכל פאַר איהם און מען זאָגט איהם, ווען דו פאַרשטעהסט אַז דו קענסט זיין אין סכנה ווען דו וועסט ניט עסן זאָלסט דו עסן ביז דו וועסט פיהלען אַז דו האָסט גענוג, אָבער ווען מעגליך עס ניט אויפּאיינמאָל מעהר פון דען שיעור אַזויפיל ווי צוויי דריטל פון אַן איי און וואַרטן אַ ביסל דאַן ווייטער עסן אַזוי לאַנג וואַרטן פון איינמאָל עסן ביז צום אַנדערן ווי לאַנג עס געדויערט אויף צו עסן אַ שטיק ברויט, אַזוי טאָן עטליכע מאָל אויך ביים טרינקן זאָל עס זיין וויניגער ווי אַ פולע גוימען אויף איינמאָל און וואַרטן פון איינמאָל ביז צום אַנדערן ווי לאַנג מען עסט אַ שטיק ברויט אָדער וועניגסטענס ווי לאַנג מען טרינקט אויס אַ רביעית. מען זאָל אויסרעכנען פאַר יום כפור גענוי ווי לאַנג עס געדויערט כדי מען זאָל קענען זעהן אויפ'ן זייגער ווי לאַנג צו וואַרטן.

**טז.** ווען עס איז איהם באַפאַלן אַן אויסער געוועהנליך שטאַר־קער הונגער און ער איז געוואָרן קראַנק צוליב'ן הונגער, דער סימן אַז די אויגען ווערן פאַרטונקעלט, זאָל מען איהם געבן צו עסן ביז עס ווערט איהם ליכטיג פאַר די אויגן,

**יז.** די אַלע וואָס מעגן עסן ווען מען האָט ניט קיין כשר'ע

עסען זיי צו געבן מעג מען זיי געבן אויך וואָס עס איז ניט כשר, נאָר אין דעם פאַל זאָל מען אַכטונג געבן ווען מעגליך צו עסן ווייניגער ווי אַ כזית אויף איין מאָל.

**יח.** האָט ער געגעסן אַזויפיל אַז דער הונגער איז געשטילט געוואָרן מאַכט ער אַ פאָר און נאָך ברכה, ער זאָל אָבער ניט מאַכן קיין קידוש. ביים בענשן זאָגט ער יעלה ויבא און שבת זאָגט ער אויך רצה. ווען ער האָט פאַרגעסן מוז ער ניט בענטשן נאָכאַמאָל ווייל ער איז היינט ניט מחויב צו עסן ברויט.

**יט.** אַ קטן און אַ קטנה ווייניגער פון ניין יאָהר, אפילו ווען זיי ווילן פאַסטן אַ ביסל לאָזט מען זיי ניט, זיי זאָלן חס ושלום ניט קומען צו סכנה. ווען זיי זיינען שוין ניין יאָהר און געזונד געוויינט מען זיי צו פאַסטן עטליכע שעה, מען גיבט זיי צו עסן מיט עטליכע שעה שפּעטער ווי געוועהנליך. אָבער ניט צו געהן אין שיך און זיך ניט וואַשן און שמירן, דאָס געוויינט מען זיי שוין פריהער.

**כ.** עס איז ריכטיג צו שמעקען בשמים אייניגע מאָל און מאַכן דאַרויף אַ ברכה כדי מען זאָל האָבן הונדערט ברכות. ווען ער האָט זיך אָבער ניט משיח דעת געווען פון איינמאָל צום צווייטן מאָל, מאַכט ער ניט נאָכאַמאָל אַ ברכה, עס איז גוט ער זאָל אַלעמאָל שמעקען אַנדערע בשמים אפילו ווען עס איז דאָסזעלבע מין, ווער שמוסט ווען זיי זיינען באַזונדערע מינים ווי עצי בשמים, עשבי בשמים און מיני בשמים. ווער עס הערט זיך צו מיט כוונה צו די ברכות פון חזן און פונ׳ם ליינען און מפטיר ווערט איהם נאָר פעהלן דריי ברכות, דאָס קען ער מאַכן אויף בשמים.

**כא.** יום כפור איז מען מזכיר נשמות ווייל די הזכרה פון די פאַרשטאָרבענע צערברעכט און מאַכט דעמיטיג דאָס האַרץ און אויך ווייל די מתים דאַרפן אויך אַ כפרה ווי עס שטעהט אין ספרי, כפר לעמך ישראל (פאַרגיב דיין פאָלק ישראל) דאָס מיינט מען די לעבעדיגע, אשר פדית (וואָס דו האָסט אויסגעלייזט) דאָס מיינט מען די וואָס לעבן שוין ניט, פון דעם לערנען מיר, אַז אויך די מתים דאַרפן כפרה. מען גיבט צדקה לטובת זייער נשמה עס איז אויך דאָ אַ רמז אין פרשת תצוה, אז איינמאָל אין יאָהר זאָל ער מכפר זיין און עס שטעהט באַלד, זיי זאָלן געבן דאָס

אויסלייזונג פון זייער נפש פאַר ג־ט און די צדקה טוט פאַר זיי אַ טובה ווייל הקדוש ברוך הוא קען די הערצער און ווייסט ווען זיי וואָלטן געלעבט וואָלטן זיי אויך געגעבן צדקה און דער לעבע־דיגער קען גרינגער מאַכן דעם דין פונ׳ם פאַרשטאָרבענעם אזוי ווי דוד המלך האָט מתפלל געווען פאַר אבשלום, און צדיקים וואָס זיינען שוין אויפ׳ן עולם האמת זיינען מליצי יושר פאַר זייערע קינדער. אויך אחרון של פסח, דען צווייטן טאָג שבועות און שמיני עצרת איז מען מזכיר נשמות, ווייל מען לייענט דעמאָלט כל הבכור ווי עס שטעהט יעדער לויט די מתנה פון זיין האַנד איז מען דעמאָלט מנדר פאַר צדקה, מען מאַכט עס אַז ס׳זאָל זיין צום זכות פון די געשטאָרבענע און השם זאָל זיי געדענקען צום גוטן און אין זייער זכות אויך אונז געדענקען. עס איז אַ מנהג אַז ווער עס האָט אַ פאָטער און אַ מוטער געהט אַרויס פון שול ווען מען איז מזכיר נשמות, אויך געהט מען אַרויס דאָס ערשטע יאָהר וואָס זיי זיינען געשטאָרבן.

**כב.** ווען ס׳איז דאָ אַ ברית מילה מאַכט מען עס בעפאָר אשרי. מען זאָגט די ברכות אָן אַ כוס. מיר זיינען זיך נוהג צי מאַכן די ברכות אויף אַ כוס און מען גיבט אַ ביסל דערפון פאַר׳ן קינד וואָס מען האָט מל געווען אַ חוץ דעם וואָס מען גיבט ווען מען זאָגט בדמיך חיי, אָבער פאַר אַן אַנדער קינד זאָל מען ניט געבן. ווער עס איז זיך נוהג ווען ער מאַכט מציצה האָט ער וויין אין מויל זאָל ער איצט ניט אַרויף שפריצן מיטן מויל נור מיט דער האַנד און דערנאָך מאַכט ער מציצה מיט׳ן מויל ווי שטענדיג.

**כג.** עס איז אַ מנהג אויסצושפרייטן גראָז אין שול, ווייל ביי דער עבודה בוקט מען זיך און מען פאַלט אויפ׳ן פנים, אַ זכר צום בית המקדש, און ווען עס איז אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינער איז עס אַן איסור, אַפילו ווען עס איז ניט מיט שטיינער איז אויך דאָ אַ שטיקעל איסור, דאַריבער מאַכט מען אַ הפסק פון דער ערד און איהם. ווען עס איז ניט אויפגעשפרייט גראָז זאָל ער עפּיס אַן אַנדערע זאַך אויפשפרייטן.

**כד.** די צייט פון נעילה איז ווען די זון איז אויף די שפּיץ ביימער, כדי ער זאָל ענדיגען ווען די שטערן קומען אַרויס, ווען עס ציהט זיך אויך אַריין אין דער נאַכט זאָגט מען דאָך חתמינו,

ווייל דער יום הדין ענדיגט זיך ערשט ווען די אידן ענדיגן זייערע תפילות, זיינען די שטערן שוין אין דרויסן זאָל ער ניט זאָגן היום יפנה (דער טאָג האַלט אין אַוועק געהן) ווייל עס זעהט אויס ווי ער וואָלט געזאָגט אַ שקר נאָר היום פנה (דער טאָג איז אַוועק). דער חזן זאָגט שים שלום און ברכת כהנים אפילו ווען עס איז שוין נאַכט.

**כה.** מען דאַרף מבטל מאַכן דעם מנהג אַז אַ גוי צינד אָן ליכט מען זאָל זעהן צו זאָגן די פיוטים פון נעילה, נאָר ער קען צערשפרייטן די ליכט וואָס ברענען נאָך אין דער גאַנצער שול ווייל דאָס איז אַ שבות דשבות.

**כו.** נאָך נעילה אפילו ווען עס איז שבת און מען האָט געענדיגט בעפאָר עס איז נאַכט זאָגט מען דאָך אבינו מלכנו. מען זאָגט שמע ישראל איין מאָל, ברוך שם כבוד מלכותו דריי מאָל, ה׳ הוא אלהים זיבען מאָל. צו באַגלייטן די שכינה וואָס געהט אַרויף די זיבן הימלען. דער חזן זאָגט גאַנץ קדיש מיט אַ פרעהליכן ניגון, נאָכדעם בלאָזט מען איין תקיעה פאַר אַ סימן אַז די שכינה איז שוין אַוועק אַזוי ווי עס איז געוועזן ביי מתן תורה ווען דער שופר האָט געבלאָזן מעגן זיי אַרויף אויפ׳ן באַרג, אויך שטעהט השם איז אַרויף מיט אַ תרועה, עס איז אויך אַ זכר צו די תקיעות שופר וואָס מען האָט געבלאָזען יום כפור ווען עס איז געוועזן אַ יובל. מען מעג בלאָזן אפילו ווען עס איז נאָך קיין נאַכט, נאָר עס איז בין השמשות אפילו ווען עס איז שבת, אָבער גאַנץ בייטאָג טאָר מען ניט בלאָזן. נאָך דער תקיעה זאָגט מען דריי מאָל לשנה הבאה בירושלים.

**כז.** נאָכדעם ווי די שטערן זיינען אַרויס דאַווענט מען מעריב. מען שטעלט אַ ווירדיגען בעל תפילה וואָס זאָל דאַווענען געלאַסען און מיט כוונה. מען דאַרף מוחה זיין די וואָס האַפען אָפּ דאָס דאַווענען. ביי דער שמונה עשרה זאָגט מען אתה חוננתנו, מוצאי שבת זאָגט מען אויך ויתן לך אָבער ניט ויהי נועם, ואתה קדוש. נאָכ׳ן דאַווענען איז מען מקדש די לבנה און מען באַגריסט איינער דעם אַנדערן פרעהליך און גוטמוטיג אַזוי ווי יום טוב.

**כח.** מוצאי ייום כפור מאַכט מען אַ ברכה אויף אַ ליכט וואָס עס האָט געברענט יום טוב און ניט אויף פייער וואָס ער נעמט

איצט אַרויס פון שטיינער צי אויף אַ ליכט וואָס ער צינד פון דעם אָן. דאָס בעסטע איז אָנצינדען אַ ליכט פון דעם ליכט וואָס עס האָט געברענט יום טוב און מען מאַכט אויף ביידע אַ ברכה. ווען עס האָט ניט געברענט אין הויז זאָל ער פון שול מיטברינגען און אין נויטפאַל מעג ער אָנצינדען פון אַ ליכט וואָס אַ גוי האָט אָנגעצונדען אָדער פון פייער וואָס ער מאַכט פון שטיינער צי אַן אַנדערע זאַך. מען הויבט ניט אָן ביי הנה אל ישועתי נאָר מיט אַ ברכה אויף וויין און ליכט און המבדיל. מען מאַכט ניט קיין ברכה אויף בשמים. מוצאי שבת פאַנגט מען אָן הנה אל ישועתי און מען מאַכט אַ ברכה אויף בשמים.

**כט.** מוצאי יום כפור עסט מען און מען טרינקט און מען איז פרעהליך אַזוי ווי דער מדרש זאָגט אַז מוצאי יום כפור געהט אַרויס אַ בת קול און זאָגט עס אין פריידן דיין ברויט, טרינק מיט אַ גוטן מוט דיין וויין ווייל ג־ט האָט שוין באַוויליגט דיינע מעשים.

**ל.** די וואָס זיינען מדקדק אין מצות פאַנגען אָן באַלד מוצאי יום כפור מיט אויפשטעלן די סוכה, זיי געהן פון מצוה צו מצוה.

**לא.** אַ טאָג נאָך יום כפור שטעהט מען אויף אַ ביסל פריהער צו געהן אין שול. די טעג פון יום כפור ביז סוכות פאַסט מען ניט אפילו ווען ער האָט יאָרצייט און זאָגט קיין תחנון ווייל זיי זיינען פרייליכע טעג, מען האָט אין זיי מחנך געווען דעם מזבח אין די צייטן פון שלמה, אויך מיר זיינען באַשעפטיגט מיט מצות אויפצושטעלן די סוכה, צוגרייטן אתרוג און די אַנדערע מינים לכבוד דעם רבונו של עולם וואָס האָט געהייליגט אידן און די ימים טובים.

## דינים פון סוכה

**א.** עס איז אַ מצוה די סוכה אויפצושטעלן באַלד אַ טאָג נאָך יום כפור אפילו ווען עס איז ערב שבת, ווייל ווען עס קומט אַ מצוה צו די הענד לייגט מען עס ניט אָפּ. ער זאָל אויפשטעלן די סוכה אויף אַ ריין אָרט, עס איז אַ מצוה אַז יעדער זאָל זיך אַליין באַשעפטיגען מיט'ן אויפשטעלן די סוכה און לעגן סכך אפילו ווען ער איז זעהר אַן אָנגעזעהענער מאַן איז דאָס זיין כבוד עוסק צו זיין אין אַ מצוה. מען וואָלט בעדאַרפט מאַכן אַ שהחיינו

ביים אויפשטעלן די סוכה נאָר מיר פאַרלאָזן זיך אויף דער שהחיינו וואָס מיר מאַכן ביי קידוש. מען בעשטרעבט זיך אויפצו־פוצען די סוכה מיט שיינע כלים און שיינע דעקען ווי ווייט נאָר מעגליך.

**ב.** וועגען די ווענט פון סוכה זיינען דאָ פאַרשידענע דינים און ניט יעדער איז אין זיי בקי, דאַריבער איז דאָס בעסטע ער זאָל מאַכן גאַנצע, שטאַרקע ווענט וואָס דער ווינט זאָל עס ניט קענען צעטרייסלען און די ליכט זאָלן ניט ווערן אויסגעלאָשן. ווען ער האָט ניט גענוג פון וואָס צו מאַכן די ווענט זאָל ער בעסער מאַכן דריי גאַנצע ווענט ווי פיר ניט קיין גאַנצע. ווער עס האָט די מעגליכקייט זאָל זיך בויען אַ סוכה מיט דעכער וואָס מען קען פאַרמאַכן אין אַ רעגן און עס נאָכדעם ווידער עפנען אַזוי וועט די סכך בלייבן טרוקען און ער וועט מקיים זיין די מצוה ווי געהעריג.

**ג.** אויך וועגן סכך זיינען די דינים פאַרשידען נאָר אַזוי ווי ביי אונז נוצט מען געוועגליך צווייגן פוןביימער אָדער ראָרען זאַכן וואָס וואַקסן פון דער ערד און זיינען אָפגעריסן פון דער ערד און זיי זיינען ניט מקבל טומאה, אויך זיינען זיי ניט צוזאַמענ־געבונדען, איז ניט דאָ וואָס איבערצוקלערן.

**ד.** לכתחלה זאָל מען אַכט געבען ניט צו געבן אויפ׳ן סכך אַ זאַך וואָס איז מקבל טומאה, אַזוי ווי אַ לייטער וואָס די טרעפ זיינען ווי אַ בית קבול מכל שכן ניט קיין כלים אַזוי ווי אַ שויפעל, גראָבאייזן, אפילו עס געבען אויפ׳ן סכך זאָל ער זיך בעסער אָפ־האַלטן, אָבער בדיעבד ווען ער האָט ניט קיין אַנדערע זאַך איז אַ יעדע זאַך מותר ווייל מיר פסק׳ענען מען מעג ארויף שטעלן דעם סכך אויף אַ זאַך וואָס איז מקבל טומאה.

**ה.** מען זאָל לעגן אַזויפיל סכך ביז עס וועט זיין מעהר שאָטן ווי זון, ווייל ווען עס איז מעהר זוניג ווי שאָטענדיג איז עס פסול מן התורה, דאַריבער זאָל מען לכתחילה אַכט געבן ניט צו לאָזן פריי דריי טפחים, עס זאָל אָבער בלייבען אַזוי פיל פריי מען זאָל קענען דורך זעהן די שטערן, איז עס אָבער אַזוי געדיכט באַדעקט אַז מען קען ניט זעהן די שטערן איז אויך כשר, איז אָבער אַזוי געדיכט אַז עס קען ניט אַריין רעגנען אפילו ווען דער רעגן איז גאָר

שטאַרק איז עס פסול ווייל עס איז אַזוי ווי אַ הויז.

ו. אין די געמויערטע סוכות טרעפט עס אַ סך מאָל אַז עס שטעהן אַרויס ברעטער פון די ווענט אויף וואָס עס ליגן די שטאַנ־גען וואָס האַלטען דעם סכך, ווען דאָס ברעט איז ניט ברייטער ווי פיר אמות פסל׳ט עס ניט דעם סכך ווייל עס איז אַ הלכה למשה מסני אַז ווייניגער ווי פיר אמות ווערט עס צוגערעכינט צו די ווענט ווי עס וואָלט געווען אַ שיפע וואַנט נאָר מען זאָל ניט זיצען אָדער שלאָפן אונטער דעם ברעט ווייל דאָרט האָט עס ניט דעם דין פון סוכה, האָט עס אָבער פיר אמות אָדער מעהר די ברייט פסל׳ט עס דעם גאַנצן סכך, צו דאָך ווען עס איז נאָר פון איין זייט אַזוי ווי מען מאַכט ביי אַ טייל סוכות אַ שטיקל באַלקאָן צו האַלטן זאַכן שאַד ניט ווייל עס איז נאָך אַלס געבליבן דריי כשר׳ע ווענט אויף וואָס עס ליגט כשר׳ע סכך און מיט דריי ווענט איז אַ סוכה אויך כשר. עס זאָל נאָר האָבן דעם שיעור זיבען טפחים סקווער און זאָל ניט זיצען אונטער׳ן באַלקאָן.

ז. ווער עס מאַכט אַ סוכה אונטער צווייגן פון אַ בוים איז עס פסול אפילו ווען די צווייגן זיינען ניט גענוג צו באַדעקען, אַז עס זאָל זיין מעהר שאָטן ווי זון און ער האָט צוגעגעבן כשר׳ע סכך וואָס עס מאַכט עס מעהר שאָטענדיג, דאָך איז עס פסול אפילו ווען ער האָט נאָכדעם אָפגעהאַקט די צווייגען בלייבט עס נאָך אַלס פסול ווייל עס שטעהט אַז חג הסוכות זאָלסט דו דיר מאַכן דרשנ׳ט מען „דו״ זאָלסט עס מאַכן אָבער ניט ווען עס איז שוין פאַרטיג פסול׳ערהייט געהסט דו עס מאַכן כשר, נאָר נאָכ׳ן אָפ־האַקן זאָל ער אויפהייבן יעדע צווייג און עס צוריקלעגען לשם סוכה. אויך איז אסור צו לעגען ערשט דעם סכך און נאָכדעם צו מאַכן די ווענט ווייל ווען ער לייגט דעם סכך דאַרף שוין זיין כשר׳ע ווענט.

ח. מען זאָל עפנען די סוכות וואָס פאַרמאַכן זיך בעפאָר מען לעגט דעם סכך און עס מאַכט ניט אויס וואָס ער ווערט עס שפעטער פאַרמאַכען ווייל עס איז אַזוי ווי ער וואָלט אַרויפגעשפרייט אַ לאַליך און עס שפעטער אַרונטער גענומען, דאָך זאָל מען אַכט געבן אַז ווען יום טוב הייבט זיך אָן זאָל עס שטעהן אָפן, אויך זאָל מען אַכט געבן אַז זיי זאָלן זיין גוט געעפינט און

די דעכער זאָלן שטעהן גלייך מיט די ווענט ווייל ווען עס איז אַ ביסל אַרויפגעבויגען אויפ׳ן סכך אפילו ניט אַזויפיל עס זאָל פסל׳ן דען סכך, דאָך טאָר מען ניט זיטצן דאָרט ווי עס געהט שיף ווייל עס איז אַזוי ווי ער וואָלט געזעסן אונטער אַ דאַך. ווען מען נוצט די סוכה אַ גאַנץ יאָהר זיינען זיי מחויב אין מזוזה זיינען זיי אויך סוכות מחויב און מען מוז עס ניט אַרונטער נעמען און נאָך סוכות נאָכאַמאָל אָנשלאָגן.

**ט.** מען איז יוצא מיט אַ געליגענער סוכה אָבער ניט מיט אַ געגזל׳טער, דאַריבער איז אסור אויפצושטעלן אַ סוכה אויף דער גאַס נאָר ווען ער האָט בשום אופן קיין אַנדערע סוכה מעג ער זיצען דאַרין און מאַכן אַ ברכה.

**י.** מען זאָל ניט אַליין שניידן סכך נאָר מען זאָל עס קויפן ביי אַן אַנדערן, אין נויטפאַל מעג ער אַליין שניידען, נאָר ער זאָל נעמען רשות ביים בעל הבית.

**יא.** מען מעג אויפשטעלן אַ סוכה חול המועד.

**יב.** די ברעטער פון סוכה און פון סכך איז אסור בהנאה ביז נאָך שמחת תורה ווייל זיי זיינען באשטימט געוואָרן צו אַ מצוה אפילו צו נעמן אַ שפענדיל זיך די ציין צו רייניגן איז אויך אסור, אפילו ווען זיי זיינען אַרונטערגעפאַלן און עס העלפט ניט צו מאַכן אַ תנאי. ווען שמחת תורה איז פרייטאָג איז עס אויך שבת אסור, אויך די נוי סוכה זיינען אסור אפילו זיי זיינען אַרונטערגעפאַלען און ווייל זיי זיינען אסור בהנאה זיינען זיי אסור צו באַוועגן וועגן מוקצה, דאָך אַן אתרוג וואָס הענגט אין סוכה מעג מען שמעקען ווייל ער האָט עס ניט מקצה געווען פון שמעקן. מען איז זיך נוהג אַז די נוי סוכה וואָס הענגען אויפ׳ן סכך העלפט קיין תנאי, די וואָס הענגט אויף די ווענט העלפט יאָ אַ תנאי. די אויסגעשטיקטע לאַליכער וואָס הענגן אין סוכה כדי צו פאַר־שיינערן מעג מען אריין נעמען זיי זאָלן ניט פאַררעגענט ווערן, אפילו ער האָט ניט געמאַכט קיין תנאי ווייל מסתמא האָט ער עס מיט דעם געדאַנק אויפגעהאָנגען, עס איז אָבער בעסער ער זאָל עס בפירוש אַרויסזאָגען. ער זאָל זיין ערב יום טוב בין השמשות אין סוכה און זאָל זאָגן, איך נעם זיך אויס אַז איך זאָל מעגן די נוי סוכה עסן אָדער באַנוצען נאָר זאָל ער אַכט געבן

די נוי סוכה וואָס ער נעמט אַרונטער יום טוב ניט צובינדען מיט אַ קניפּ נאָר מאַכן אַ שלייף.

**יג.** אויך נאָך יום טוב ווען מען צענעמט די סוכה זאָל מען ניט טרעטן אויף די ברעטער און זאָל עס ניט באַנוצן צו אַ ניט־בכבוד׳יגע זאַך ווייל זיי זיינען תשמישי מצוה אַזוי ווי ציצית.

**יד.** מען זאָל ניט אויפקריצען אַ פּסוק, בסוכות תשבו, אויף קירבעס ווייל עס קען קומען צו בזיון אַ חוץ וואָס עס איז ניט רעכט צו שרייבן אַ פּסוק ווען ס׳איז ניט נויטיג.

**טו.** ערב סוכות נאָכמיטאָג זאָל ער ניט עסן קיין ברויט כדי ער זאָל קענען עסן מיט אַפּעטיט אַ כזית ברויט אין דער סוכה.. ערב סוכות זאָל מען געבן מעהר צדקה.

## דינים פון זיצען אין סוכה

**א.** עס שטעהט איהר זאָלט זיצען זיבען טעג אין סוכה מיינט דאָס איהר זאָלט וואוינען אין סוכה אַזוי ווי מען וואוינט געוועהנליך אין שטוב, דאַריבער נעמט מען אַריין די שיינע כלים און שיינע דעקען אין סוכה און מען עסט און טרינקט, לערנט, שפּאַצירט און שלאָפט אַלס אין דער סוכה אפילו צו רעדן מיט׳ן חבר זאָל ער אויך רעדן אין סוכה, אויך ווען מען דאַווענט ביחידות זאָל עס זיין אין סוכה, דער פּסוק זאָגט דערמיט אייערע קינדער זאָלן וויסן אַז אין סוכות האָב איך באַזעצט די אידישע קינדער ווען איך האָב זיי אַרויסגענומען פון מצרים, דאַריבער זאָל מען מכוון זיין אַז מען זיצט אין סוכה זכר ליציאת מצרים. עס איז אַ פלוגתא פון די תנאים וואָס פאַר אַ סוכה דאָס איז געווען, ר׳ אליעזר האַלט דאָס זיינען ענני כבוד מיט וואָס הקדוש ברוך הוא האָט זיי אַרום גענומען צו פאַרהיטן פון דער היץ, ר׳ עקיבא האַלט אַז געווענליכע סוכות האָבן זיי אויפגעשטעלט ווען זיי האָבן גע־לאַגערט קעגען דער היץ כאָטש דאָס איז געוועזן אין ניסן זיינען מיר באַפוילען געוואָרען צו מאַכען סוכות אין תשרי ווען די רעגענ־דיגע וועטערס הויבען זיך אָן און מענשן געהן צוריק אין די הייזער דעמאָלט זאָלן מיר טאָן פאַרקערט אַרויס פון די הייזער אין סוכות וועט זיין קענטיג אַז מיר טאָן עס ניט צוליב פאַר־

געניגען נאָר צוליב דער מצוה.

**ב.** מען זאָל די סוכה האַלטן בכבוד אַז מצות זאָלן ביי איהם ניט זיין פאַראַכטעט, דאַריבער זאָל ער ניט אַריין נעמען כלים וואָס זיינען ניט בכבוד'יג ווי טעפּ, עמער מיט וואָס מען שעפּט וואַסער, כלים וואָס מען האַלט אין זיי מעהל, מילטערס, קעסעל, פאַנען, מייזערס און נאָך דערגלייכען, אויך זאָל מען די טעלערס ארויס טראָגען באַלד נאָכ'ן אָפּעסן אָבער כלים צו טרינקן האַלט מען יאָ אין סוכה מען זאָל ניט אַריין נעמען ערדינע לייכטער ווייל זיי זיינען מיאוס. מען מאַכט אויך ניט אין סוכה אַ ניט־בכבוד'יגע אַרבייט ווי אָפּוואַשן די כלים אָבער די גלעזער אויס־שווענקען מעג מען. כל שכן אַז מ'זאָל ניט משתין זיין אפילו ניט אין אַ כלי, אפילו ווען ער וואַלט עס געטאָן אין שטוב, אָבער געשלעכטליך פאַרקער איז מותר ווייל דאָס איז די עיקר מצוה אַז מאַן און פרוי זאָלן זיין צוזאַמען. ווען ער האָט אַריין גענומען כלים וואָס זיינען ניט בכבוד'יג ווערט די סוכה צוליב דעם ניט פסול, ער זאָל נאָר ניט מאַכן לישב בסוכה ביז ער נעמט עס אַרויס.

**ג.** די ערשטע נאַכט איז אַ חיוב צו עסן ווייניגסטענס אַ כזית אין סוכה אפילו ווען עס קומט איהם אָן זעהר שווער. ווען עס געהט אַ רעגן, ווען ער דענקט אַז עס וועט אויפהערן אין איין־צוויי שעה זאָל ער וואַרטן אזוי לאַנג מיט קידוש, ווען ער האָט שוין געוואַרט אָדער ער פאַרשטעהט אַז עס וועט ניט אויפ־הערן מאַכט ער קידוש אין סוכה, ער מאַכט אויך שהחיינו און האָט אין זין אויך אויף דער סוכה, ער מאַכט אָבער ניט לישב בסוכה און עסט אַ כזית און ענדיגט די סעודה אין הויז נאָר ער מוז אין זין האָבן ביים וואַשן זיך, אַז ער וועט ענדיגן די סעודה אין הויז, האָט דער רעגן אויפגעהערט, בעפאָר'ן בענטשען עסט ער אין סוכה אזויפיל ברויט, אַ ביסל מעהר די גרויס פון אַן איי און בענטשט. האָט עס אָבער נאָכ'ן בענטשן אויפגעהערט וואַשט ער זיך נאָכאַמאָל און עסט מעהר ווי אַ ביצה ברויט און מאַכט לישב בסוכה און בענטשט. ווען אין זיין סוכה טראָפּט אַריין און אין חבר'ס סוכה איז טרוקן זאָל ער בעסער געהן אין חבר'ס סוכה און האָבן הנאה פון דער מצוה.

**ד.** אויך די צווייטע נאַכט איז אַ חיוב צו עסן אין סוכה

אפילו ווען עס קומט איהם אָן זעהר שווער און עס איז דער־זעלבער דין ווי די ערשטע נאַכט, נאָר דער חילוק איז ווען ער האָט געוואַרט א לאַנגע צייט און עס האָט ניט אויפגעהערט, מאַכט ער קידוש, עסט דאָרט אַ כזית ברויט און מאַכט ניט לישב בסוכה דאַן געהט ער צוריק אין הויז צו בענטשן.

ה. ביינאַכט ווען מען קומט פון שול געהט מען באַלד אין סוכה און מען מאַכט קידוש. ער מוז נאָר זיכער זיין אַז עס איז שוין נאַכט. ווען ער מאַכט לישב בסוכה זאָל ער אין זין האָבן אַז די ברכה געהט אַרויף אויפ׳ן עסען, שלאָפן און אַלע זאַכן וואָס ער וועט טאָן אין סוכה ביז מאָרגען צו קידוש און מיט שהחיינו יוצא צו זיין פאַר יום טוב און אויך פאַר די סוכה, דאַריבער מאַכט מען די ערשטע נאַכט לישב בסוכה און דערנאָך די שהחיינו ווייל די שהחיינו איז אויך פאַר דער סוכה. די צווייטע נאַכט מאַכט מען ערשט שהחיינו און דערנאָך לישב בסוכה.

ו. ווען עס זיצן מעהרערע בעלי בתים מיט זייערע פאַמיליעס אין איין סוכה און זיי דאַרפן זיך גוט צוהערן צו קידוש יוצא צו זיין זאָלן זיי ניט אַלע מאַכן קידוש אויף איינמאָל ווייל מען קען ניט גוט הערן, נאָר זיי זאָלן מאַכן קידוש איינער נאָכ׳ן אַנדערן, ווען זיי האָבן ניט ווענמן מוציא צו זיין מאַכן זיי אַלע אין איינעם. ווען איינער ענדיגט אַ ברכה פריהער פאַר׳ן צווייטען זאָל ער ניט נאָכזאָגן אמן ווייל עס איז אַ הפסק צווישן דער ברכה און טרינקען דעם וויין. אַ טייל זיינען זיך נוהג צו וואַרטן ביי דער ברכה ביז דער אַנדערער ענדיגט און נאָכזאָגען אמן, עס איז אָבער ניט ריכטיג אַזוי נאָר זיי זאָלן אַלע זאָגן אַלעס צוזאַמען.

ז. די אַנדערע נעכט און אויך ביי־טאָג איז ניט קיין חיוב צו עסן אין סוכה נאָר ווען ער איז זיך קובע צום עסען אָדער שלאָפן מוז עס זיין אין סוכה. אכילת קבע מיינט ער עסט ברויט מעהר ווי אַן איי, אפילו ניט בקביעות אָדער אפילו געבעקס אָדער אַ מאַכל וואָס איז געמאַכט פון די פינף מינים תבואה מעהר ווי אַן איי און ער איז זיך קובע צו דער סעודה איז ער מחויב אין סוכה און מאַכן לישב בסוכה. ווען ער עסט פירות, אפילו ער עסט פיל איז ער פטור פון צו עסן אין סוכה, אפילו ווען ער האָט זיך קובע געווען צו דער סעודה איז ער אַלס פטור, אַזוי אויך וויין

אָדער אַן אַנדער געטראַנק, פלייש צו קעז מעג ער עסן און טרינקען אויסער דער סוכה, דאָס דוקא ווען ער האָט ניט קובע געווען אָבער ווען ער טרינקט וויין צו אַנדערע געטראַנק בדרך קבע און עסט פלייש אָדער קעז פאַר אַ סעודת קבע מוז ער עסען אין סוכה נאָר ער מאַכט ניט לישב בסוכה, דאַריבער איז בעסער ער זאָל עסען פריהער ברויט און מאַכן אַ ברכה. דאָס איז אַלעס על פי הדין אָבער ווען איינער איז מחמיר ניט צו טרינקען אפילו וואַסער חוץ לסוכה איז ער אַ ודאי ווערט געלויבט צו ווערן.

**ח.** שלאָפען זאָל ער, אפילו ווי וועניג, אַלע מאָל נאָר אין סוכה און אַזוי טאָן די מדקדקים, זיי שלאָפען ניט, אפילו ווי וועניג, חוץ לסוכה. דאָס וואָס פילע זיינען זיך איצט מיקל און שלאָפן חוץ לסוכה זאָגן די אחרונים ז״ל מעהרערע טעמים אויף זיי מלמד זכות צו זיין, אָבער יעדער ירא שמים זאָל מחמיר זיין אויפצו־שטעלען אַ סוכה אַז ער זאָל דאָרט קענען וואוינען מיט זיין ווייב אַזוי ווי ער וואוינט אַ גאַנץ יאָהר, וועניגסטענס זאָל ער אַליין קענען דאָרט שלאָפען, האָט ער עס ניט אַזוי געמאַכט איז עס אפילו בדיעבד פסול.

**ט.** ווען עס געהט אַ רעגן איז ער פטור פון סוכה, עס זאָל אַזוי רעגנען אַז ער פאַרשטעהט אַז אַ מאכל וואָלט פאַרדאָרבען געוואָרן פון רעגן אפילו ווען ער האָט איצט ניט קיין מאכל פאַר זיך, אָדער ווען עס וואָלט אַזוי אַריין גערעגענט אין שטוב וואָלט ער אַריין אין אַן אַנדערער שטוב, מעג ער אויך אַריין פון סוכה אין הויז. האָט ער אָגעהויבען צו עסן אין סוכה און צוליב דעם רעגן אַריין געגאַנגען עסן אין שטוב, אָדער ער האָט באַלד אָנגע־הויבען צו עסן אין שטוב אפילו ווען דער רעגן הערט אויף מוז ער ניט צוריק אין סוכה נאָר ער ענדיגט אין הויז. ווען עס איז אַזוי קאַלט אַז דאָס עסן ווערט געפרוירן מוז ער אויך ניט עסן אין סוכה, ער מעג עסן אין שטוב.

**י.** געגען שלאָפען איז אפילו וועניג רעגן אויך אַ צער און מען מעג שלאָפן אין שטוב. אפילו ווען דער רעגן הערט אויף מוז ער ניט אויפשטעהן און געהן שלאָפען אין סוכה, ער מעג שלאָפן אין שטוב ביז אין דער פריה.

**יא.** ווער עס איז פטור צו זיצען אין סוכה און געהט דאָך ניט אַרויס ווערט אָנגערופען אַ פּראָסטער און באַקומט ניט דערפאַר קיין שכר, ער זאָל אויך ניט מאַכן אַ ברכה ווייל עס איז אַ ברכה לבטלה. ווען ער געהט אַרויס פון סוכה וועגען רעגן זאָל ער ניט אַרויסגעהן מיט גרינשאַצונג נאָר מיט הכנעה ווי אַן עבד וואָס האָט אָנגעגאָסען אַ כוס פאַר זיין האַר און ער האָט עס איהם אין פּנים געגאָסען.

**יב.** מען מאַכט לישב בסוכה נאָר ווען מען עסט אַ באַ־שטימטע סעודה, מען מאַכט ערשט המוציא דאַן לישב בסוכה, דאַן איז מען טועם און מען פּטר'ט מיט דער ברכה אַלע אַנדערע זאַכן וואָס מען עסט אין סוכה, אויך דאָס זיצען און אַלעס וואָס ער טוט אפילו שלאָפען ווערט גע'פּטר'ט מיט דער ברכה וואָס ער האָט געמאַכט ביי דער סעודת קבע ביז צו דער נעכסטער סעודת קבע. ווען ער איז ניט אַרויס פון סוכה,צוליב געשעפטן אָדער צו געהן אין שול, פון איין סעודה ביז דער אַנדערער, וויבאַלד ער האָט איינמאָל געמאַכט לישב בסוכה דאַרף ער ניט נאָכאַמאָל צו מאַכן. אפילו די גאַנצע זיבען טעג סוכות ווען ער איז ניט אַרויס נאָר געזעסן, געגעסן, געלערנט, געדאַווענט, געשלאָפן אין סוכה דאַרף ער ניט נאָכאַמאָל מאַכן די ברכה וויבאַלד ער האָט זיך ניט מסיח דעת געוועזן פון דער סוכה אפילו ער געהט אַ ביסל אַרויס און קומט באַלד צוריק הייסט עס ניט היסח הדעת, נאָר ווען ער געהט אַרויס צוליב געשעפטען אָדער געהן אין שול און דאָסגלייכן. איז ער אַריין אין שטוב צו לערנען אָדער עפּיס צו ערלעדיגן און ער זאָמט זיך דאָרט הייסט עס היסח הדעת און דאַרף ביים דער נעכסטער סעודה מאַכן לישב בסוכה.

**יג.** ווער עס געהט אין מיטן דער סעודה אין אַ חבר'ס סוכה און ער עסט דאָרט דעם שיעור וואָס איז מחויב בסוכה זאָל ער דאָרט אויך מאַכן לישב בסוכה.

**יד.** ווען ער האָט פאַרגעסן צו מאַכן די ברכה און ער האָט זיך דערמאָנט אין מיטן דער סעודה אָדער אפילו נאָך דער סעודה זאָל ער דאָך מאַכן אַ ברכה ווייל מיט דעם וואָס ער בלייבט זיצן טוט ער אויך אַ מצוה.

**טו.** פרויען זיינען פטור פון סוכה דאָך מעגן זיי מאַכן אַ

ברכה. קליינע קינדער זיינען פטור, דאָך ווען ער איז פינף יאָהר און העכער זאָל איהם דער פאָטער געוויינען צו עסן אין סוכה אפילו דער פאָטער איז ניט אין דער היים זאָל מען איהם דאָך ניט לאָזן עסען חוץ לסוכה.

**טז.** קראַנקע און זייערע באַדינער זיינען פטור פון סוכה. ווען ער איז אַ קראַנקער וואָס עס איז ניט קיין סכנה זיינען די באַדינער ניט פטור סיידען דער קראַנקער דאַרף זיי, אָבער אַ חולה וואָס איז אין סכנה זיינען זיי פטור אויך ווען ער מוז זיי ניט האָבן.

**יז.** ווען דאָס זיצן אין סוכה איז פאַרבונדען מיט שוועריג־קייטן איז ער פטור פון סוכה ביידע נעכט און אויך בייטאָג, דאָס איז ווען ער איז זיך מצער צוליב קעלט, ווינט, אָדער צוליב שלעכטן גערוך און דאָסגלייכן אַזוי אויך ווען די ליכט זיינען פאַרלאָשען געוואָרן שבת און עס איז אַ גרויסע טירחא צו געהן אין חבר׳ס סוכה מעג ער עסען אין שטוב ווי די ליכט ברענען, דאָס איז אַלס ווען ער האָט די סוכה אויפגעשטעלט אויף אַן אָרט וואָס איז פאַסיג נאָר צופעליג האָט דאָס פאַסירט, האָט ער אָבער באַלד פון אָנפאַנג אויפגעשטעלט אויף אַ ניט פאַסיג אָרט אָדער אויף אַן אָרט ווי ער האָט מורא צו שלאָפן איז ער אפילו מיט׳ן עסן אויך ניט יוצא. ווען דער ווינט בלאָזט דורך די ווענט און עס קען פאַרלעשן די ליכט מעג ער אַרויפגעבען אַ דעק אָדער אַן אַנדערע זאַך.

**יח.** די וואָס געהן אונטערוועגס בייטאָג זיינען בייטאָג פטור פון סוכה ווייל זיי האָבן ניט די צייט נאָכצוגעהן זוכן אַ סוכה, זיי דאַרפן געהן ווייטער, אָבער ווען זיי קענען אָהן טירחא זיצען אין סוכה זיינען זיי יאָ מחויב. ביינאַכט ווען ער איז אין האָטעל ווי ער שלאָפט מוז ער זיך מטריח זיין נאָכצוגעהן נאָך אַ סוכה ווי צו שלאָפן אפילו ער איז דאָרט ווי עס איז קיין סוכה ניט דאָ און פאַר ווענינ געלד קען ער מאַכן אַ סוכה זאָל ער נאָכגעהן צו האָבן אַ סוכה. ווען ער געהט ביי נאַכט איז דערזעלבער דין ווי ביי טאָג. די וואָס געהן חול המועד אין די דערפער איינמאָנען חובות און זיי האָבן דאָרט קיין סוכה זאָלן זיי זעהן צו זיין אין דער היים יעדע נאַכט מקיים צו זיין מצות סוכה.

**יט.** שליחי מצוה ווען זיי זאָלן דאַרפן נאָכגעהן נאָך אַ סוכה וועט עס זיי פאַרנעמען צייט פון דער מצוה אָדער זיי קענען ניט שלאָפן אין סוכה און ווען זיי זאָלען שלאָפן אין סוכה וועלן זיי דעם אַנדערן טאָג זיין מיד נאָכצוגעהן נאָך דער מצוה, זיינען זיי פּטור פון סוכה, ווען ניט זיינען זיי אויך מחויב.

**כ.** די וואָס היטן גאָרטענס, פּרדסים און תבואה און דאָס גלייכן ווען עס איז מעגליך עס זאָל זיין אויף איין אָרט זאָלן זיי דאָרט מאַכן אַ סוכה און זיצן דאַרין.

**כא.** די וואָס מאַכן ווין ביי אַ גוי זיינען פּטור פון סוכה סיי ביי טאָג סיי ביי נאַכט, ווייל זיי דאַרפן היטן אַז דער גוי זאָל ניט אָנרירן דעם ווין, ווען זיי דאַרפן אָבער ניט היטן זיינען זיי מחויב.

**כב.** די וואָס זיינען אין געשעפט אפילו עס איז אויס דער שטאָט און זיי וואוינען אין שטאָט און אַ גאַנץ יאָהר עסען זיי אין געשעפט, דאָך זיינען זיי מחויב צו געהן עסן אין אַ סוכה.

## דינים פון לולב און די אנדערע מינים

**א.** מען פירט זיך אַז ווער עס איז ניט אַ מבין אויף די ארבע מינים ווען ער געהט זיי קויפען זאָל ער צוערשט פרעגען ביי אַ מורה הוראה אויב זיי זיינען כשר ווייל פאַרשידענע דינים זיינען פאַרהאַנדען וועגען זיי. מען זאָל זעהן צו קויפען אַ פרישן לולב ווייל אַ פאַרטריקענטער איז כשר נאָר אין נויטפאַל. אַ טייל האַלטען אַז אַפילו אַ זאַ לולב וואָס איז ניט מעהר גרין הייסט אויך יבש. דער לולב דאַרף זיין לאַנג פיר טפחים די שדרה אויסער די בלעטער, אין נויטפאַל איז צען גודלים מיט אַ דריטעל אויך געגנוג.

**ב.** די הדסים דאַרפן זיין משולשים, דאָס הייסט פון יעדן רערל זאָלן אַרויסגעהן דריי בלעטליך גלייך אין איין ליין, עס זאָל ניט זיין איינס העכער אָדער נידריגער פון אַנדערן און די בלעטליך זאָלען באַדעקען דאָס שטענגעל, דער שפּיץ פון איין בלעטיל זאָל געהן העכער ווי עס ענדיגט דאָס העכערע בלעטיל. די הדסים וואָס מען ברענגט פון ווייטע מקומות געפינט מען שווער צווישן זיי אַזעלכע וואָס זיינען כשר, דאַריבער דאַרף מען זיי גוט

אונטערזוכען. אַ ירא שמים זאָל נאָכגעהן צו קריגן שיינע פרישע גרינע הדסים וואָס זאָלן זיין משולשים. די וואָס וואַקסן אין אונזערע מקומות דאַרף מען אויסגעפונען אויב זיי זיינען ניט מורכב און אויב זיי זיינען ניט געוואַקסען אין אַ ניט געלעכערטען בלומען־טאָפּ, אויך ביי די לולבים וואָס וואקסן ביי אונז זאָל מען זיך ערקונדיגען. ווען ער קען ניט באַקומען הדסים משולשים זאָל ער נעמען ניט משולשים נאָר קיין ברכה זאָל ער אויף זיי ניט מאַכן.

ג. די הדסים זאָלן האָבן דריי טפחים, אין נויטפאַל איז צען גודלים גענוג. יעדע הדס זאָל זיין פון אונטען ביז אַרויף משולש, אין נויטפאַל ווען דער רוב איז משולש נאָר אונטן אַ ביסל איז ניט משולש איז אויך כשר. מען זאָל אַכטונג געבן אַז די בלעטליך זאָלן ניט אַראָפּפאַלען ווייל ווען אפילו נאָר עטליכע בלעטליך זיינען אַראָפּ געפאַלן, זיינען ביי דעם דאָ פאַרשידענע דינים און מען דאַרף פרעגן אַ שאלה.

ד. מען זאָל אַכט געבן אַז עס זאָל ניט זיין נקטם ראשו, דאָס הייסט אַז דער שפּיץ פון שטענגעל זאָל ניט זיין אָפּגעבראָכען, ווען ער האָט ניט קיין אַנדערע זאָל ער מאַכן א שאַלה אָבער די קליינע צווייגליך וואָס זיינען צווישן די רערן זאָל מען יאָ אָפּברעכן כדי זיי זאָלן ניט מאַכן אַ הפסק צווישן איין רערל און צווייטן.

ה. די ערבה איז באַוואוסט, זיי זיינען לענגלעכע גלאַטיגע בלעטלעך און רויטע שטענגלעך, אַזאָלכע זיינען כשר אפילו ווען זיי זיינען נאָך גרין ווייל ווען עס בלייבט לענגער אויפ׳ן בוים ווערט עס רויט. דער רוב וואַקסן זיי ביי אַ טייך און איבערדעם ווערן זיי אָנגערופן ערבי נחל, אבער אפילו די וואָס וואַקסן ערגיץ אַנדערשט זיינען אויך כשר נאָר ווען מעגליך זאָל מען בעסער נעמען די וואָס וואַקסען ביים טייך. די גרויס פון דער ערבה איז דיזעלבע ווי ביי די הדסים.

ו. ווען די ערבות זיינען פאַרטרוקענט אָדער די רוב בלעטליך זיינען אַראָפּגעפאַלען אָדער עס איז אָפּגעבראָכען דער שפּיץ פון דעם שטענגעל, איז פיל אַנדערע האַלטן אַז אפילו ווען די בלעטער האָבן זיך אָפּגערוקט פון דעם רערל און הענגען אַרונטער זיינען זיי אויך פסול. מען זאָל זעהר אַכט געבען ווען מען גיבט זיי אַריין אין לולב און ביי די נענועים אַז די בלעטליך זאָלן ניט

אַראָפּפאַלן און ווערן פסול.

ז. מען זאָל ניט אַרונטער שניידן אַליין פון בוים איינע פון די ארבע מינים אפילו ווען ער האָט רשות פון בעל הבית נאָר מען זאָל עס לאָזן אָפּשניידן מיט אַ גוי אָדער אפילו ווען אַן אַנדערער איד שנייד זיי אָפּ מעג ער עס ביי איהם נעמען.

ח. מען נעמט דריי שטענגליך פון די הדסים און צוויי פון די ערבות מען בינד זיי צוזאַמען מיט דעם לולב, אז אַלע זאָלן זיין געבונדען אין איינעם און זיי זאָלן שטעהן אויף דעמזעלבן אופן ווי זיי וואַקסן. דאַרט ווי עס איז געוואָרן אָפּגעשניטען זאָל זיין פון אונטען ווייל ווען אפילו נאָר איין שטענגעל איז איבער געקערט איז מען אפילו בדיעבד ניט יוצא. ער זאָל נעמען דעם לולב אזוי אַז די שדרה זאָל זיין צו זיין פנים און זאָל געבן די הדסים אויף דער רעכטער זייט און די ערבות אויף דער לינקער זייט, פון אונטען זאָלן זיי ביידע גלייך זיין, אז ער זאָל זיי אַלע האַלטן אין דער האַנט אָבער פון אויבן זאָל דער הדס זיין עפּיס העכער און דער לולב זאָל זיין העכער פון די אַנדערע מינים מיט וויינינגסטענס אַ טפח. ער בינד זיי צוזאַמען מיט אַ ריכטיגען קניפּ, דאָס הייסט צוויי קניפּען מאַכן איינס איבער דעם אַנדערן, אויסער דעם מאַכט ער נאָך דריי קשרים אין לולב, ער זאָל נאָר לאָזן איין טפח פון אויבן פריי אָהן אַ קשר כדי ער זאָל עס קענען טרייסלען ביי די נענועים. איז אַ פּאָדעם אויף אַ הדס זאָל ער עס אַרונטערנעמען עס זאָל ניט זיין אַ חציצה. ווען דער קשר האָט זיך געעפענט יום טוב זאָל ער ניט מאַכן א קניפּ נאָר אַ שלייף אָדער ווי מען פלעגט דורכצושטעכן אַ בלעטל אין דעם רינגעל.

ט. ערבה וואָס מען האָט אָפּגעריסען סיי דעם ערשטען טאָג סיי דעם צווייטען טאָג יום טוב איז אסור אפילו מטלטל צו זיין, ווייל עס איז מוקצה. ווען מען האָט דעם ערשטען טאָג אָפּגעריסן מעג עס נוצען דעם צווייטען טאָג, איז דער ערשטער טאָג שבת און מען האָט עס דעמאָלט אָפּגעריסען טאָר מען עס ניט נוצן אפילו דעם צווייטען טאָג. ווען מען האָט געבראַכט דעם אתרוג און די אַנדערע מינים פון חוץ לתחום מעג מען עס מטלטל זיין און אויך דערמיט יוצא זיין. ווען עס איז קיין עירוב דאָ טאָר

מען נאָר אין הויז מטלטל זיין און אַלע זאָלן געהן אַהין.

י. האָט ער ניט קיין ארבע מינים מובחרים איז בעסער יוצא צו זיין מיט דעם חבר׳ס, דאָך איז אַ מצוה ער זאָל אויך האָבן ארבע מינים פאַר די נענועים און הקפות.

## דינים פון בענשן אתרוג און סדר ההקפות

א. מען נעמט דעם געבונדענעם לולב מיט דער שדרה צו זיין פנים און זיין רעכטער האַנד און דעם אתרוג אין דער לינקער האַנד, און ווייל מען דאַרף מאַכן אַ ברכה אויף אַ מצוה בעפאַר מען איז יוצא, דאַריבער זאָל ער ניט האַלטן דעם אתרוג אַזוי ווי ער וואַקסט מיט׳ן פיטם פון אויבען נאָר ער זאָל עס האַלטן בעפאַר דער ברכה איבערגעקעהרט מיט דעם עוקץ פון אויבן, ער זאָל נאָך ניט יוצא זיין און מאַכט על נטילת לולב און שהחיינו, איז דער ערשטער טאָג שבת מאַכט ער שהחיינו דעם צווייטן טאָג, דערנאָך קערט ער איבער דעם אתרוג אַז דער פיטם זאָל זיין פון אויבען און לעגט עס צוזאַמען מיט׳ן לולב, אז זיי זאָלן זיין אינ־איינעם און טרייסלט זיי אויף די פיר זייטן, מזרח דרום, מערב, צפון, אַרויף און אַראָפּ, דאָסזעלבע ביי הלל און ביי די הקפות זאָל ער צוזאַמען האַלטן דעם אתרוג און דעם לולב. האָט ער געהאַלטן דעם אתרוג אין דער רעכטער האַנד און דעם לולב אין דער לינקער זאָל ער טרייסלין נאָכאַמאָל אָהן אַ ברכה.

ב. אַ געלינקטער נעמט דעם לולב אין זיין רעכטער האַנד וואָס איז ביי אַן אנדערן די לינקע, האָט ער געמאַכט פאַרקערט זאָל ער נאָכאַמאָל טרייסלין אָהן אַ ברכה, ווען ער קען טאָן אַרבעט מיטביידע הענד זאָל ער מאַכן ווי יעדער אַנדערער.

ג. מען זאָל אויסטאָן די תפילין בעפאַר בענשן אתרוג, ווענינסטענס זאָל ער אַרונטער נעמען די רצועות פון די פינגער עס זאָל ניט זיין אַ חציצה און אויך די רינגען פון די פינגער זאָל מען אַרונטערנעמען.

ד. דאָס איז דער סדר פון די נענועים, אין הודו זיינען דאָ זעקס ווערטער אויסער דעם שם, טרייסעלט ער ביי יעדן וואָרט אויף אַן אַנדער זייט „הודו" צו מזרח ביים שם טרייסעלט ער ניט „כי" צו דרום, „טוב" צו מערב, „כי" צו צפון, „לעולם" אַרויף,

„חסדו" אַראָפּ. דער שליח צבור טרייסעלט נאָר ביי הודו און ביי יאמר נא ישראל און דער צבור יעדעס מאָל וואָס זיי זאָגן הודו. ביי „אנא" איז דאָ דריי ווערטער אויסער דעם שם, טרייסעלט מען ביי יעדען וואָרט אויף צוויי זייטן, אויך ביי הודו פון סוף הלל טרייסעלט דער חזן און קהל, ווען ער טרייסעלט אַראָפּ זאָל ער נאָר האַלטען זיין האַנד נידריג. דער לולב און די אנדערע מינים זאָלן בלייבן אַזוי ווי זיי וואַקסען. אַ טייל האַלטן דעם לולב אַראָפּ צו, מען זאָל טאָן ווי דער מנהג איז, ער מוז זיך ניט דרעהן אויף דער זייט וואָס ער איז מנענע, ער זאָל נאָר דעם שפּיץ לולב דרעהן אויף יעדער זייט, ער זאָל ניט שטאַרק טרייסלען נאָר אַ ביסל טרייסלען די בלעטער.

ה. מען זאָל ניט עסן בעפאָר אתרוג בענשן, דער וואָס איז אונטערוועגס און וויל צוקומען צו אַן אָרט ווי עס איז דאָ אַן אתרוג און לולב און אויך די וואָס וואוינען אין שטעטליך און וואַרטן מען זאָל זיי צוברינגען דעם אתרוג און לולב פון שטאָט מוזן ניט וואַרטן ניט־געגעסענערהייט לענגער ווי ביז מיטאָג ווייל מען טאָר ניט פאַסטן יום טוב אָדער חול המועד לענגער, איז ער צו שוואַך צו פאַסטן ביז מיטאָג מעג ער עפּיס טועם זיין, איז ער ניט שוואַך זאָל ער מחמיר זיין אפילו ניט טועם צו זיין.

ו. מען מעג צוריקשטעלן דעם לולב אין וואַסער אים יום טוב און אויך דערצו גיסן וואַסער, אָבער ניט טוישען דאָס וואַסער. אים חול המועד איז אַ מצוה צו בייטען דאָס וואַסער כדי דער לולב זאָל בלייבען שיין און פריש. מען זאָל נעמען יעדען טאָג פרישע ערבות פאַר הדור מצוה.

ז. די הדסים וואָס מען באַנוצט צו דער מצוה טאָר מען גאַנץ יום טוב ניט שמעקען אפילו ניט שבת, אָבער דעם אתרוג מעג מען שבת שמעקען און מען מאַכט אַ ברכה הנותן ריח טוב בפירות, אָבער די אַנדערע טעג זאָל ער ניט שמעקען אפילו ווען ער באַנוצט עס ניט צו דער מצוה ווייל עס איז א ספק ברכה. דעם לולב טאָר מען שבת ניט מטלטל זיין אפילו ער דאַרף עס אָדער ער דאַרף דאָס אָרט דערפון, ווייל עס איז מוקצה, אָבער דער אתרוג ווייל מען קען עס שמעקן איז עס קיין מוקצה ניט און מען מעג עס מטלטל זיין. מען מעג עס אויך צוריקגעבן אין דער

וואַטע פון ווי ער האָט עס אַרויסגענומען, אָבער ניט אין פרישער וואַטע ווייל עס איז מוליד אַ גערוך.

**ח.** דען ערשטען טאָג יום טוב איז מען ניט יוצא מיט גע־ליגענע ארבע מינים נאָר עס מוז זיין אייגענס, מען האָט עס גע׳דרשנ׳ט פון פסוק: איהר זאָלט אייך נעמען דעם ערשטן טאָג וכו׳ דאָס מיינט פאַר אייך, עס זאָל זיין אייער אייגענס ניט קיין געליגענס און מיר אין חוץ לארץ וואָס האַלטן צוויי טעג יום טוב צוליב ספק איז דאָסזעלבע דעם צווייטען טאָג. האָט איהם איינער געגעבן אַ מתנה אפילו מיט אַ תנאי, אז ער מוז עס איהם שפּעטער צוריקגעבן הייסט עס אַ מתנה און ער איז יוצא אפילו ער האָט איהם געגעבן סתם יוצא צו זיין איז אַזוי ווי ער וואָלט בפירוש געזאָגט אז עס איז אַ מתנה על מנת להחזיר. ווען דער מאַן איז ניט אין דער היים און די פרוי גיבט איינעם יוצא צו זיין, דאָס ווענד זיך וואָס פאַר אַ מאַן ער איז אויב ער איז צופרידן מען זאָל געבן צו ניט.

**ט.** שותפים וואָס האָבן געקויפט צוזאַמען אַן אתרוג האָבן זיי מסתמא אויף דעם אופן געקויפט, אז אין דער צייט ווען איינער טוט די מצוה זאָל דער צווייטער איהם איבערגעבען זיין חלק, דאַריבער איז זיך קהל נוהג צו קויפן אַן אתרוג און דער גאַנצער צבור איז דערמיט יוצא און ווער עס איז ביכולת גיבט צושטייער דערצו, דאָך איז בעסער מען זאָל יוצא זיין מיט אַן אתרוג פון אַ יחיד וואָס האָט ארבע מינים מהודרים, ווייל עס איז בעסער אַז אַ יחיד זאָל עס איהם מקנה זיין.

**י.** דעם ערשטען טאָג זאָל מען ניט געבען פאַר קליינע קינדער צו בענשן בעפאָר די דערוואַקסענע האָבן יוצא געווען, ווייל מן התורה קען אַ קטן קונה זיין, אַז ער זאָל אַליין יוצא זיין ער קען עס אָבער שפּעטער ניט ווייטער מקנה זיין פאַר אַנדערע.

**יא.** מען איז זיך נוהג גאַנץ יום טוב נאָך מוסף אַרויפצו־נעמען אַ ספר תורה אויף דער בימה און מען לאָסט דעם ארון הקודש אָפען ביז נאָך די הושענות, ווען מען שטעלט צוריק דאָס ספר, און יעדער ווער עס האָט אַן אתרוג ולולב מאַכט הקפות אַרום דעם ספר תורה ווען מען זאָגט די הושענות, יעדען טאָג איינמאָל און הושענה רבה זיבען מאָל, אַ זכר צום בית המקדש, וואָס

מען האָט עס מקיף געוועזן איינמאָל יעדען טאָג און דען זיבענטען טאָג זיבען מאָל. די הקפות דאַרפן זיין צו דער רעכטער זייט. דער וואָס האָט אַן אתרוג און מאַכט ניט די הקפות טוט ניט ריכטיג. אין אַ טייל ערטער שטעלט מען אַריין אַ ברענענדיג ליכט אין ארון הקודש נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגענומען די ספרי תורה אים הושענה רבה און שמחת תורה. עס איז קיין גוטער מנהג און מען דאַרף עס מבטל זיין ווייל עס איז ניט ריכטיג זיך צו באַנוצן מיט'ן ארון הקודש פאַר אַן אַנדערער זאַך אפילו נאָר אויף אַ שטיקל צייט.

**יב.** שבת מאַכט מען ניט הקקפות ווייל אויך אין בית המקדש האָט מען ניט מקיף געוועזן שבת. דאַריבער נעמט מען אויך ניט אַרויס אַ ספר תורה נאָר מען לאָזט דעם ארון הקודש אָפען ביז נאָך די הושענות.

**יג.** ווער עס איז געוואָרען אַן אבל אים יום טוב אָדער ער איז אין יאָהר נאָך אַ פאָטער אָדער אַ מוטער איז זיך ניט נוהג צו געהן הקפות נאָר ער איז מכבד מיט זיין אתרוג און לולב אַן אַנדערען צו געהן.

## דינים פון הושענה רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה

**א.** דער פינפטער טאָג חול המועד איז הושענה רבה, אַ נאַכט בעפאָר איז דער מנהג אויף צו זיין און עוסק זיין אין תורה לויט דעם נוסח וואָס שטעהט אין תיקון, ווייל סוכות איז מען דן אויף וואַסער וואָס דאָס גאַנצע לעבן פון מענש איז דערפון אָפּהענגיג און דאָס איז דער לעצטער טאָג פון סוכות און אַלעס ווענד זיך ווי עס ענדיגט זיך. אין דער פרי צינד מען אָן מעהר ליכט אין שול אַזוי ווי יום כפור. דער שליח צבור טוט אָן אַ קיטל, מען זאָגט למנצח אַזוי ווי אים יום טוב, מען זאָגט אויך מזמור לתודה, מען זאָגט קיין נשמת, מען זאָגט אין כמוך, שמע ישראל אַזוי ווי יום טוב. ביי קדושה פון מוסף זאָגט מען נעריצך.

**ב.** עס איז אַ מנהג נביאים אַז יעדער נעמט אַן עקסטראַ ערבה אויסער די ערבה פון לולב, יעדע זאַך וואָס פסל'ט די ערבה פון לולב פסל'ט אויך די ערבה, וועגען דעם זאָל ער ניט

אַליין שניידען די ערבות פאַר זיך, נאָר ווען עס איז אַראָפּגעפאַלען אפילו די רוב בלעטלעך איז כשר אפילו עס איז געבליבען נאָר איין בלעטעל אויף איין ריטעל איז אויך כשר, עס איז אָבער אַ הידור מצוה צו האָבן פיל בלעטלעך און לאַנגע ריטלעך. עס איז אַ שיינער מנהג צו נעמען פינף ריטלעך און זיי צו בינדען מיט די בלעטלעך פון לולב.

**ג.** מען נעמט די ערבות ניט צוזאַמען מיט דעם לולב נאָר ווען ער האַלט ביי תענה אמונים לעגט ער אַוועק דעם אתרוג ולולב און נעמט די ערבות ווייל דעמאָלט בעט ער אויף וואַסער נאָך די הושענות טרייסעלט ער זיי און קלאַפּט זיי אָפּ פינף מאָל אויף דער ערד און מיט דעם איז גענוג אפילו די בלעטלעך זיינען ניט אַראָפּגעפאַלען. ער זאָל ניט אַוועקוואַרפען די ערבות נאָכ׳ן אָפּשלאָגן ווייל עס איז אַ ביזוי מצוה, עס איז ריכטיג זיי צו באַהאַלטען און הייצן מיט זיי ווען מען באַקט די מצות ווייל עס איז געמאַכט געוואָרען מיט זיי איין מצוה זאָל מען טאָן אַן אַנדערע מצוה.

**ד.** שמיני עצרת ביינאַכט וואַרט מען מיט קידוש ביז עס איז זיכער נאַכט און מען מאַכט אַ שהחיינו ביי קידוש ווייל עס איז אַ באַזונדערער יום טוב, לישב בסוכה מאַכט מען ניט ווייל ביים דאַווענען און ביי קידוש האָט מען געזאָגט יום שמיני עצרת הזה, וואָלט עס אויסגעזעהן ווי אַ סתירה.

**ה.** שמיני עצרת ביי נאכט און אויך ביי טאָג עסט מען אין סוכה נאָר מען מאַכט קיין ברכה דערנאָך ווי מען האָט געענדיגט דאָס עסען זאָגט מען יהי רצון. וועגען שלאָפן אין סוכה זיינען אַ טייל מקיל און דער עולם פירט זיך אַזוי, בעסער איז אָבער מחמיר **צו זיין.**

**ו.** שמיני עצרת פאַר נאַכט מעג מען אַריין נעמען אין הויז די כלים פון דער סוכה, מען זאָל זיי אָבער ניט אַוועק רוימען בעפאָר נאַכט ווייל עס איז ווי ער וואָלט צוגעגרייט פון איין טאָג יום טוב אויפ׳ן צווייטן.

**ז.** דער לעצטער טאָג יום טוב ווערט אָנגערופען שמחת תורה, ווייל דעמאָלט ענדיגט מען די תורה און מען פרייד זיך מיט איהר. ביי נאַכט נאָך מעריב מאַכט מען הקפות, און דערנאָך

שטעלט מען די ספרים צוריק, מען לאָזט אין דרויסען נאָר איין ספר פון וואָס מען לייענט פרשת זאת הברכה, מען רופט אויף דריי מענשען, אין אַ טייל ערטער לייענט מען די פרשה פון נדרים, דערנאָך זאָגט מען האַלב קדיש און מען שטעלט צוריק דאָס ספר און מען זאָגט עלינו.

**ח.** אין אַ סך ערטער איז דער מנהג אַז די כהנים דוכנ'ען ביי שחרית ניט ביי מוסף ווייל דעמאָלט קען מען שוין קומען צו שכרות. ביי שחרית זאָגט מען ניט ותערב.

**ט.** ביי טאָג נאָך די הקפות לאָזט מען אין דרויסען דריי ספרים, מען רופט אויף אַ סך מענשן צום ספר, מען לייענט מעהר מאָל די פרשה וזאת הברכה ביז מעונה, צום סוף רופט מען אויף אַלע קינדער צוזאַמען, עס איז ריכטיג אַז אַ גדול זאָל מאַכן די ברכות און אַלע זאָלען צוהערן, מען זאָגט מיט זיי דעם פסוק המלאך הגואל, דערנאָך רופט מען אויף חתן תורה און מען לייענט פון מעונה ביז צום סוף. אין צווייטען ספר לייענט מען פרשת בראשית און מען זאָגט האַלב קדיש פון דריטן ספר לייענט מען מפטיר. אין אַ סך ערטער רופט מען אויף חתן תורה אַן אדם חשוב אפילו ווען ער האָט שוין עולה געוועזן מעג ער עולה זיין פאַר חתן תורה און חתן בראשית. האָט מען נאָר צוויי ספרים לייענט מען אין ערשטען וזאת הברכה און אין צווייטען בראשית דערנאָך לייענט מען נאָכאַמאָל אין ערשטען מפטיר.

**י.** מען איז זיך נוהג אַז דער חתן תורה און חתן בראשית זיינען מנדר נדרים און רופען די פריינד צו אַ מאָלצייט לכבוד דעם ענדיגען און אָנפאַנגען פון דער תורה, ווייל דער מדרש זאָגט אויף דעם פסוק „ער איז געקומען קיין ירושלים און געשטעלט זיך פאַר'ן ארון ברית ה' און געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר אַלע זיינע עבדים" זאָגט דער מדרש פון דאָ איז געדרונגען אַז מען מאַכט אַ מאָלצייט ווען מען ענדיגט די תורה.

## דינים פון חנוכה

**א.** אין צייט פון צווייטן בית המקדש ווען מלכות יון האָט רעגירט און זיי האָבן אויף אידן גוזר געווען גזירות, און זיי געשטערט צו היטן זייער דת און ניט געלאָזט עוסק זיין אין תורה

און מצות און ביי זיי צוגענומען זייער געלד און אויך זייערע טעכטער, זיי זיינען אַריין אין היכל און דאָרט פאַראורזאַכט פּרצות מטמאַ געווען די טהרות, עס איז זעהר ענג געווען פאַר ישראל און זיי זיינען געווען גאַר שטאַרק אונטערדריקט ביז ה׳ דער ג־ט פון אונזערע עלטערן האָט זיך דערבאַרימט און זיי געהאָלפן און די קינדער פון די חשמונאים, די כהנים גדולים, האָבן זיך געשטאַרקט און פאַרניכטעט די שונאים און געהאָלפען די אידן און אויפגעשטעלט אַ מלך פון די כהנים און זיי האָבן אָנגעהאַלטען דאָס מלכות מעהר ווי צוויי הונדערט יאָהר ביז צום צווייטן חורבן. דער טאָג וואָס זיי האָבן זיך געשטאַרקט און פאַרניכטעט די שונאים איז געווען דער פינף־און־צוואַנציגסטער טאָג אין כסלו, זיי זיינען אַריין אין היכל און ניט געפונען מעהר ווי איין קריגל בוימאייל וואָס איז געווען פאַרזיגעלט מיט דעם חותם פון כהן גדול, עס איז געווען גענוג צו ברענען אויף איין טאָג און עס איז געשעהן אַ נס און עס האָט געברענט אַכט טאָג ביז זיי האָבן געהאַט צייט צו מאַכן פרישע ריינע שמן, דאַריבער האָבן די חכמים פון יענעם דור מתקן געווען די אַכט טאָג וואָס פאַנגען זיך אָן דעם פינף־און־צוואַנציגסטען טאָג אין כסלו, פאַר טעג פון שמחה און פון זאָגן הלל, מען צינד אָן ליכט יעדע נאַכט ביי דער טיר פון הויז צו ווייזן און מפרסם זיין דעם נס. די טעג ווערן אָנגערופען חנוכה, דאָס מיינט „חנו כה״, זיי האָבען גערוהט דעם פינף־און־צוואַנציגסטען טאָג און אויך ווייל די טעג האָט מען מחנך געווען דאָס בית וואָס די שונאים האָבן עס מטמא געווען, דאַריבער האַלטן אַ טייל אַז עס איז אַ מצוה מעהר שפייז צו מאַכן צו די סעודות חנוכה און אויך ווייל די אַרבעט פון משכן האָט זיך די טעג געענדיגט, דאָך ווערט עס ניט אָנגערופען אַ סעודת מצוה סיידען מען זאָגט שירות ותשבחות. מען זאָל חנוכה געבן מעהר צדקה ווייל דורך צדקה איז אַ סגולה מתקן צו זיין די פּגמים פון נפש איבערהויפט זאָל מען זעהן מחזיק צו זיין אָרעמע לומדי תורה.

**ב.** מען פאַסט ניט חנוכה אָדער אַ טאָג פריהער, אָבער אַ טאָג שפּעטער איז יאָ מותר צו באַכן אַ הספד און צו פאַסטן.

**ג.** חנוכה איז מותר צו טאָן אַ מלאכה נאָר זיינען זיך פרויען נוהג ניט צו טאָן אַ מלאכה אין דער צייט וואָס די חנוכה־ליכט

ברענען, און מען זאָל עס זיי ניט מקיל זיין, דער טעם וואָס פרויען זיינען זיך מעהר מחמיר אין טאָן אַ מלאכה איז ווייל אויף אידישע טעכטער איז געווען אַ שווערע גזרה, מען האָט גוזר געווען אַז יעדעס מיידעל וואָס געהט חתונה האָבן מוז פריהער האָבן באַציאונג מיט דעם הערשער, און אויך ווייל דער נס איז געשעהן דורך אַ פרוי, די טאָכטער פון יוחנן כהן גדול, זי איז געווען זעהר אַ שיינע, האָט דער מלך, דער טיראַן, זיך פאַרגלוסט אין איהר, האָט זי געזאָגט זי וועט דערפילען זיין פאַרלאַנג, האָט זי איהם געגעבען צו עסן מאכלים געמאַכט מיט קעז כדי ער זאָל ווערן דורשטיג און טרינקען ווייז און איינשלאָפען אַזוי איז געשעהן, דערנאָך איז זי געגאַנגען און איהם אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און איהם געבראַכט קיין ירושלים צו ווייזען, ווען דער הויפט פון דער אַרמיי האָט דאָס דערזעהן איז ער אַנטלאָפען מיט זיין גאַנצער מחנה, דאַריבער זיינען זיך אַ טייל נוהג צו עסן חנוכה מילכיגע מאכלים, אַלס אַ זכר אַז דער נס איז געשעהן דורך מילכיגס.

**ד.** יעדע סאָרט שמן איז כשר צו צינדען חנוכה אָבער שמן זית איז מצוה מן המובחר, אַזוי ווי מען האָט אין בית המקדש געצינדען, אויב ער האָט ניט קיין שמן זית מעג ער נעמען אַן אַנדערען שמן וואָס האָט אַ ריין קלאָר ליכט אָדער וואַקסענע לעכטליך וואָס ברענען אויך גוט, עס זאָל נאָר ניט זיין צוויי לעכט צוזאַמען געפלאָכטען ווייל עס זעהט אויס ווי אַ פאַקעל, נאָר איין איינציג ליכטל. מען זאָל ניט נוצען וואַקס פון בתי עבודה זרה ווייל עס איז מיאוס. אויך אַלע סאָרטען קנויטען זיינען כשר צו די לעכטליך אָבער דאָס בעסטע איז פון בוימוואָל. מען מוז ניט יעדע נאַכט מאַכן פרישע קנויטען, מען קען באַנוצען די אַלטע ביז זיי ווערן אויסגעברענט.

**ה.** ווען מען צינד אין אַן ערדענע כלי און דערנאָך ווי מען האָט איינמאָל געצונדען זעהט די כלי אויס ווי אַלט און ניט שיין, זאָל מען ניט צינדען נאָכאַמאָל אין דערזעלבער כלי, דאַריבער זאָל מען האָבען אַ שיינע געגאָסענע מנורה און ווער עס האָט ביכולת זאָל זיך קויפן אַ מנורה פון ריין זילבער פאַר אַ הידור מצוה.

**ו.** מיר זיינען זיך נוהג אין די מדינות צו צינדען ווי די

מהדרין שבמהדרין, יעדער פון בני בית צינד אָן די ערשטע נאַכט איינס, די צווייטע נאַכט צוויי און אזוי כסדר ביז דעם אַכטען טאָג ווען מען צינד אָן אַכט לעכטליך, נאָר מען זאָל אַכט געבן אַז יעדער זאָל שטעלן זיינע לעכטליך און אַ באַזונדערען אָרט כדי מען זאָל קענען דערקענען וויפיל לעכטליך ער האָט געצונדען, אויך זאָל ער ניט צינדען דאָרט ווי ער צינד אַ גאַנץ יאָהר כדי מען זאָל דערקענען אַז עס' זיינען חנוכה לעכט.

**ז.** די מצוה איז צו צינדען ביי דער טיר וואָס געהט צו דער גאַס צוליב פרסומא ניסא, אזוי ווי מען האָט געטאָן אין דער צייט פון דער משנה און דער גמרא, היינט אָבער וואָס מיר וואוינען צווישען גוים צינד מען אָן אין שטוב ווי מען וואוינט, אויב ער האָט אַ פענסטער צו דער גאַס זאָל ער דאָרט צינדען ווען ניט זאָל ער צינדען נעבען דער טיר. עס איז אַ מצוה עס זאָל זיין אַ טפח נאָנט צו דער טיר פון דער לינקער זייט, אזוי אז די מזוזה זאָל זיין פון דער רעכטער זייט און נר חנוכה פון דער לינקער זייט וועט זיין אַרום גענומען מיט מצות, נאָך בעסער איז עס צו שטעלען אין דער עפנונג פון דער טיר.

**ח.** ער זאָל שטעלן די מנורה העכער דריי טפחים פון דער ערד און נידריגער פון צען טפחים, ווען ער האָט געשטעלט העכער צען טפחים איז ער אויך יוצא, עס זאָל נאָר ניט זיין העכער פון צוואַנציג איילען ווייל דעמאָלט דערזעהט ניט דאָס אויג. ווען ער וואוינט אויף אַ שטאָק מעג ער עס געבען אין פענסטער אפילו עס איז העכער פון צען טפחים, אָבער ווען עס איז העכער צוואַנציג אמות פון דער ערד פון דער גאַס זאָל ער עס ניט שטעלן דאָרט ווייל מען דערזעהט עס ניט, ער זאָל עס בעסער שטעלן אין דער טיר.

**ט.** די ליכטליך זאָלן אַלע זיין אין איין שורה, ניט איינס העכער און די אַנדערע נידריגער, און ער זאָל לאָזן אַ ביסל פּלאַץ פון איין לעכט צום צווייטען כדי די פלאַמען זאָלען זיך ניט צוזאַמען קומען און עס וועט אויסזעהן ווי אַ פאַקעל. ביי וואַקסענע לעכטליך איז אויך דער טעם' עס זאָל ניט שמעלצן. ווען ער האָט אָנגעפילט אַ כלי מיט שמן און אריינגעגעבען קנויטען און האָט עס צוגעדעקט מיט אַ דעקעל, ווערט יעדע קנויט גערעכינט פאַר אַ לעכטיל ווען

ניט ווערט עס אפילו פאַר איין לעכט ניט געדעכינט ווייל עס זעהט אויס ווי אַ פאַקעל. אַ לייכטער וואס האָט צוויי צווייגען אָדער מעהר זאָלען צוויי מענשען ניט צינדען, דאַרין אפילו ניט די ערשטע נאַכט ווייל עס איז ניט קענטיג ווי פיל לעכט מען האָט געצונדען.

י. די צייט פון צינדען איז באַלד נאָך צאת הכוכבים, מען זאָל זיך איילען צו צינדען, מען טאָר ניט טאָן אַ מלאכה אפילו ניט לערנען, פאַר׳ן צינדען חנוכה לעכט, נאָר ווען ער האָט נאָך ניט געדאַווענט מעריב זאָל ער צוערשט דאַווענען און דערנאָך צינדען. ער זאָל צוזאַמען נעמען דאָס גאַנצע בני בית צום צינדען וועגען פרסומא ניסא. ער זאָל אַריין געבען אַזויפיל שמן עס זאָל ברענען ווייניגסטענס אַ האַלבע שעה. האָט ער ניט באַלד געצינדען מעג ער צינדען מיט אַ ברכה ווי לאַנג די בני בית זיינען נאָך אויף, שלאָפען זיי אָבער שוין, זאָל ער צינדען אָהן אַ ברכה, ווייל עס איז ניט קיין פרסומא ניסא. אַז ער קען ניט צינדען ווען עס ווערט נאַכט מעג ער צינדען מיט אַ שעה פריהער, פאַר צאת הכוכבים, נאָר ער זאָל אריינגעבען אַזויפיל שמן אַז עס זאָל ברענען אַ האַלבע שעה נאָך צאת הכוכבים, אויב עס ברענט ניט אזוי לאַנג האָט ער ניט מקיים געוועזן די מצוה.

יא. דער סדר פון צינדען, לויט אונזער מנהג, איז, די ערשטע נאַכט איין לעכטיל צו דער רעכטער זייט, די צווייטע נאַכט שטעלט ער צו נאָך אַ לעכטיל צו דער לינקער זייט, אזוי יעדע נאַכט, ער צינד צוערשט אָן די צוגעשטעלטע לעכט און געהט פון לינקס צו רעכטס.

יב. די ערשטע נאַכט מאַכט מען דריי ברכות, להדליק שעשה נסים און שהחיינו, די אנדערע נעכט מאכט מען קיין שהחיינו. נאָך די ברכות צינד מען אָן איין ליכט און אין דער צייט ווען ער זאָגט הנרות הללו צינד ער אָן די אַנדערע. אַ גר זאָגט שעשה נסים לישראל, האָט ער געזאָגט לאבותינו, האָט ער אויך יוצא געוועזן. אן אונן ר״ל אויב ער האָט אַן אַנדערן ווער עס זאָל צינדען זאָל ער צוהערן די ברכות און נאָכזאָגען אמן, האָט ער קיין אַנדערן זאָל ער אַליין צינדען אָהן די ברכות.

יג. מיר האַלטן אַז דאָס אָנצינדען איז די מצוה, דאַריבער

ווען ער צינד זאָל עס שטעהן אויפ׳ן ריכטיגען אָרט און זאָל האָבן דעם ריכטיגען שיעור, אָבער ווען ביים אָנצינדען איז עס געווען נידריגער ווי דריי טפחים אָדער העכער פון צוואַנציג אמות און ער האָט דאָס דערנאָך געשטעלט אויף אַ ריכטיגען אָרט, איז ער ניט יוצא, דאָסזעלבע ווען ער האָט אָנגעצינדען אויף אַן אָרט ווי עס געהט אַ שטאַרקער ווינד וואָס בלאָזט אויס דאָס ליכט, און דערנאָך האָט ער עס געשטעלט אויף אַן אנדער אָרט, אָדער עס איז ניט געווען דאַרין גענוג שמן און ער האָט צוגעגאָסען, איז ער אויך ניט יוצא, ער מוז נאָכאַמאָל צינדען אָהן אַ ברכה, איז עס אָבער געשטאַנען אויף אַ פאַסיג אָרט און עס איז צופעליג אויס־געלאָשן געוואָרען, האָט ער שוין געהאָט מקיים געווען די מצוה מיט׳ן אָנצינדען, דאָך איז מען זיך נוהג נאָכאַמאָל אָנצוצינדען. מען צינד ניט אָן איין ליכט פון דעם אַנדערען נאָר דורך אַ שמש.

**יד.** דורך דער גאַנצער צייט פון דער מצוה, דאָס איז אַ האַלבע שעה, טאָר מען ניט קיין הנאה האָבן פון די ליכט, דאַריבער לאָזט מען ברענען דעם שמש מיט וואָס מען האָט אָנגעצינדען די ליכטליך, אַז ווען ער וועט זיך באַנוצען מיט די ליכט זאָל עס זיין מיט׳ן שמש. ער זאָל שטעלן דעם שמש אַ ביסל העכער ווי די אַנדערע ליכט, עס זאָל זיין קענטיג אַז עס איז ניט פון די חנוכה ליכט.

**טו.** מען צינד חנוכה ליכט אין שול פאַר פרסומא ניסא, מען מאַכט די ברכות אויף זיי, מען שטעלט ביי דער דרום־וואַנט, מען זאָל צינדען צווישן מנחה און מעריב. מיט די ליכט פון שול איז מען ניט יוצא און מען מוז נאָכאַמאָל צינדען אין דער היים. אַן אבל ר״ל זאָל ניט צינדען אין שול די ערשטע נאַכט, כדי ער זאָל ניט דאַרפן מאַכן אַ שהחינו בצבור, אָבער אין דער היים זאָל ער יאָ מאַכן אַ שהחינו.

**טז.** פרויען זיינען אויך מחויב אין נר חנוכה, ווייל זיי זיינען אויך געווען ביי דעם נס. אַ פרוי קען אָנצינדען און מוציא זיין איהר גאַנץ בני בית. אַ קטן אין דער עלטער וואָס מען איז מחויב איהם מחנך צו זיין (ניין יאָהר) איז אויך מחויב אין נר חנוכה. אַ בלינדער זאָל געבען עפּיס צושטייער איינעם וואָס צינד אָן און ער זאָל איהם אויך מוציא זיין, ווען ער האָט אַ פרוי קען זי

אָנצינדען פאַר איהם, האָט ער קיין פרוי און האָט אויך ניט וועמען צושטייער צו געבען און ער וואוינט פאַר זיך אַליין אין אַ וואוינונג זאָל ער אַליין צינדען מיט דער הילף פון אַן אַנדערען.

**יז.** ערב שבת צינד מען ערשט חנוכה ליכט און דערנאָך שבת ליכט. ער זאָל ניט צינדען ביז נאָך האַלבן טאָג, מען דאַווענט צוערשט מנחה דאַן צינד מען די ליכט. מען זאָל אַריינגעבען אַזויפיל שמן עס זאָל ברענען וועניגסטענס אַ האַלבע שעה נאָך צאת הכוכבים, ווען עס איז ניט דאָ אַזויפיל שמן איז עס אַ ברכה לבטלה. ווען ער צינד ביי דער טיר זאָל ער עפּיס שטעלן צווישן די ליכט און דער טיר כדי עס זאָל ניט אויסגעהן ווען מען עפענט און פאַרמאַכט די טיר:

**יח.** מצאי שבת מאַכט מען קודם הבדלה און דערנאָך צינד מען די חנוכה ליכט. אין שול צינד מען בעפאַר מען זאָגט ויתן לך.

**יט.** ווען ער איז ניט אין דער היים און ער ווייסט אַז זיין פרוי צינד אָן אין דער היים, זאָל ער צינדען דאָרט ווי ער געפינט זיך אָהן אַ ברכה, בעסער איז ער זאָל הערן די ברכות פון אַן אַנדערן און זאָל אין זין האָבן יוצא צו זיין און נאָכזאָגן אמן, דאַן זאָל ער אַליין צינדען אָהן אַ ברכה, צינד אָבער די פרוי ניט אין דער היים זאָל ער צינדען דאָרט ווי ער איז מיט אַ ברכה, אַזוי אויך בחורים וואָס וואוינען אין אַ קוואַרטיר זאָלן צינדן מיט ברכות אָדער זאָלן געבען צושטייער געלד פאַר דעם בעל הבית כדי זיי זאָלן אויך האָבען אַ חלק אין דעם שמן און קנויטען און דער בעל הבית זאָל אַריין געבן מעהר שמן פון דעם שיעור צוליב דעם שותף, ער זאָל אָבער נאָכגעהן ער זאָל קענען אַליין צינדען. איז ער אין שטאָט אין אַן אנדער הויז ווען עס קומט די צייט פון צינדען זאָל ער געהן באַלד אַהיים צינדען.

**כ.** דער שמן וואָס בלייבט איבער אין דער מנורה נאָך חנוכה אַזוי אויך די קנויטען זאָל ער מאַכן עקסטראַ אַ פלאַם זיי צו פאַר־ברענען ווייל זיי זיינען באַשטימט צו דער מצוה טאָר מען ניט פון זיי אַ הנאה האָבען, סיידען ער האָט זיך אויסגענומען אַז דאָס וואָס עס בלייבט איבער באַשטימט ער ניט צו דער מצוה.

**כא.** גאַנץ חנוכה זאָגט מען ביי דער שמונה עשרה על הנסים, האָט ער פאַרגעסען און ניט געזאָגט, ווען ער האָט זיך

דערמאָנט בעפאָר ער האָט געזאָגט דעם שם פון הטוב שמך, הויבט ער אָן נאָכאַמאָל ביי על הנסים, האָט ער זיך אָבער דער־מאָנט נאָך דעם ווי ער האָט שוין געזאָגט דעם שם, ענדיגט ער די ברכה און דאַרף ניט איבערזאָגען.

**כב.** אַלע טעג פון חנוכה זאָגט מען גאַנץ הלל, מען זאָגט ניט קיין תחנון, ניט אל ארך אפים, ניט למנצח און ניט צדקתך צדק.

**כג.** מען לייענט די קרבנות הנשיאים אין פרשת נשא, מען רופט אויף דריי מענשן. דעם ערשטען טאָג לייענט דער כהן פון ויהי ביום כלות משה ביז לחנוכת המזבח, דער לוי פון ויהי המקריב ביום הראשן ביז מלאה קטורת און דער ישראל, פר אחר ביז בן עמינדב. דעם צווייטען טאָג לייענען כהן און לוי ביום השני און ישראל, ביום השלישי, אַזוי יעדען טאָג לייענען כהן און לוי פון היינטיגען טאָג און דער ישראל פון דעם מאָרגענדיגען טאָג. דעם אַכטען טאָג, כהן און לוי, ביום השמיני, און דער ישראל ביום התשיעי און ענדיגט דעם גאַנצען סדר אויך אין פרשת בהעלותך ביז כן עשה את המנורה.

**כד.** שבת חנוכה נעמט אַרויס צוויי ספרי תורה, אין ערשטען לייענט מען די פרשה פון דער וואָך, אין צווייטען מפטיר פון דעם טאָג אין חנוכה און הפטורה זאָגט מען רני ושמחי, זיינען דאָ צוויי שבת חנוכה זאָגט מען די הפטורה אין מלכים ווי עס רעדט זיך פון נרות שלמה. ראש חודש טבת ווען עס איז אין אַ וואָכן טאָג נעמט מען אַרויס צוויי ספרים, אין ערשטען לייענען דריי מענשען פון ראש חודש, אין צווייטען ספר לייענט דער פערטער פון חנוכה ווייל ראש חודש איז עפטער ווי חנוכה און מיר האַלטען אַז וואָס איז עפטער איז קודם. אויב ער האָט זיך טועה געוועזן און אָנגעהויבען צו לייענען פון חנוכה, אפילו נאָך ניט געליינט נאָר דער עולה האָט שוין געמאַכט די ברכה, זאָל מען ענדיגען פאַר איהם פון חנוכה און פאַר די אַנדערע לייענען פון ראש חודש. האָבען זיי געליינט קודם פון ראש חודש ווי דער דין איז נאָר געמאַכט אַ טעות און געליינט רביעי אויך פון ראש חודש, אפילו זיי האָבען זיך דערמאָנט באַלד נאָכדעם ווי דער עולה האָט געמאַכט די ברכות, האָט מען נאָר איין ספר ארויסגענומען, דאַרף מען מעהר גאָר ניט לייענען, האָט מען אָבער אַרויסגענומען צוויי ספרים

זאָל מען לייענען חמשי פון חנוכה און זאָגען חצי קדיש, כדי עס זאָל ניט זיין אַ בזיון פאַר דעם ספר תורה, מען זאָל ניט זאָגען אַז מען האָט ניט געליינט דערפון ווייל עס איז געווען פסול.

**כה.** איז ראש חודש טבת אים שבת נעמט מען אַרויס דריי ספרי תורה, אין ערשטען לייענען זעקס מענשן פון דער פרשה פון דער וואָך אין צווייטען ספר לייינט דער זיבענטער פון ראש חודש, מען הויבט אָן וביום השבת און מען זאָגט חצי קדיש, אין דריטען ספר לייינט מען מפטיר פון חנוכה און מען זאָגט הפטורה רני ושמחי, האָטש געוועהנליך איז קודם וואָס קומט עפטער, דאָס איז ביי לייענען ווי מען לייינט ביידע, אָבער די הפטורה זאָגט מען נאָר איינע, לאָזט מען אויס ראש חודש און מען זאָגט פון חנוכה וועגען פרסומא ניסא.

**כו.** חמשה עשר בשבט איז ראש השנה פאַר דיביימער מען זאָגט קיין תחנון, און מען איז זיך נוהג צו עסן מעהרערע מינים פירות.

## סדר אַרבע פרשיות

**א.** שבת בעפאַר ראש חודש אדר וואָס איז בעפאַר ניסן איז פרשת שקלים, איז שבת ראש חודש איז דעמאָלט פרשת שקלים. מען נעמט אַרויס דריי ספרי תורה, אין ערשטען לייענען זעקס די פרשה פון דער וואָך, אין צווייטען לייינט מען שביעי פון ראש חודש און פאַנגט אָן פון וביום השבת און מען זאָגט האַלב קדיש, אין דריטן ספר לייינט מען מפטיר פרשת שקלים און מען זאָגט די הפטורה פון פרשת שקלים, האָט ער זיך טועה געווען אין אָנ־געהויבן לייענען פרשת שקלים ענדיגט ער עס און דער מפטיר לייינט פון ראש חודש און זאָגט אויך די הפטורה פון שבת וראש חודש.

**ב.** שבת בעפאַר פורים איז פרשת זכור און בעפאַר ראש חודש ניסן איז פרשת החודש, איז שבת ראש חודש, איז דעמאָלט פרשת החודש און עס איז דער זעלבער דין ווי ראש חודש אדר וואָס פאַלט אים שבת. אַ שבת בעפאַר פרשת החודש איז פרשת פרה.

**ג.** אַ טייל האַלטן אַז פרשת זכור און פרשת פרה איז מען מן התורה מחויב צו הערן, דאַריבער רופט מען ניט אויף אַ קטן צו

מפטיר און די דאַרפסלייט דאַרפן קומען אין שטאָט ווי עס איז דאָ אַ מנין, אויב עס איז זיי ניט מעגליך זאָלען זיי וועניגסטענס עס ליינען מיט דעם ניגון וואָס מען ליינט די תורה

## הלכות מגילה

**א.** ווען אדר קומט אָן איז מען מרבה בשמחה. אַ איד וואָס האָט אַ משפט מיט אַ גוי זאָל עס האַלטן אין אדר.

**ב.** אין דער צייט פון מרדכי ואסתר האָבן זיך אידן פאַר־זאַמעלט אין דרייצענטען טאָג אין אדר כדי זיך צו פאַרטיידיגען און נקמה צו נעמן אין די שונאים און זיי האָבען געדאַרפט בעטן רחמים ביי השם יתברך ער זאָל זיי העלפן. מיר ווייסען אַז ווען אידען זיינען געוועזן אין אַ מלחמה האָבען זיי געפאַסט אז הקדוש ברוך הוא זאָל זיי העלפען, אויך משה רבנו ע"ה ווען ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט עמלק האָט געפאַסט, מסתמא האָט מען אויך דעמאָלט י"ג אדר געפאַסט, דאַריבער האָבען אַלע אידען אויף זיך מקבל געוועזן צו מאַכן פון דעם טאָג אַ תענית צבור און עס אָנגערופען תענית אסתר צו געדענקען אַז הקדוש ברוך הוא דערהערט די תפלה פון יעדען אידען ווען ער איז אין אַ עת צרה, ווען ער פאַסט און טוט מיט'ן גאנצן האַרצן תשובה ווי ער האָט געטאָן צו אונזערע עלטערן די טעג, דאָך איז עס ניט אַזאַ חוב צו פאַסטען ווי די אַנדערע פיר תעניתים וואָס זיינען אויס־געררעכינט אין פסוק, דאַריבער קען מען אין געוויסע פאַלן מקיל זיין אַזוי ווי שוואַנגערע פרויען און זייגעריגס, אָדער ווען איינער פילט ניט גוט, ער האָט אויגען שמערצין, די מוזען ניט פאַסטען, אַזוי אויך אַ קימפעטאָרין אין די דרייסיג טעג און אויך אַ חתן אין די שבעת ימי המשתה מוזן ניט פאַסטען, זיי קענען עס אויסלייזן מיט אַן אנדערן טאָג אָבער די אַנדערע געזונטע זאָלן זיך ניט פורש מן הצבור זיין אפילו ער איז אונטערוועגס זאָל ער דאָך פאַסטען, אפילו עס קומט איהם אָן שווער.

**ג.** דעם פערצענטען טאָג אין אדר איז פורים, ווען פורים פאַלט אין אַ זונטאָג פאַסט מען דאָנערשטאָג פאַר פורים, ווען עס איז אַ ברית זאָל מען מאַכען די סעודה ביי נאַכט, אָבער דער סנדק און דער פאָטער פון קינד מעגן עסן ביי טאָג און זיי מוזן

ניט פאַסטען פרייטאָג, אָבער ווער עס האָט פאַרגעסען צו פאַסטען דאָנערשטאָג זאָל פאַסטען פרייטאָג.

ד. לכבוד דער מגילה זאָל מען זיך אָנטאָן ביינאַכט אין שבת׳דיגע בגדים. ווען מען קומט אַ היים פון שול זאָל מען טרעפן ליכט אָנגעצינדען, דעם טיש געגרייט און די בעטען אויפגעשפרייט. ביינאַכט נאָך דער שמונה עשרה זאָגט מען גאַנץ קדיש מיט תתקבל מען לייענט די מגילה נאָכדעם זאָגט מען קדיש שלם אָהן תתקבל און אים מוצאי שבת זאָגט מען ויהי נועם ואתה קדוש, קדיש שלם אָהן תתקבל, ויתן לך, מען מאַכט הבדלה אויף אַ כוס און מען זאָגט עלינו.

ה. עס איז אַ מנהג צו געבען מחצית השקל בעפאָר פורים פון די גאַנגבאַרע מטבע אין דער מדינה, אַ זכר צום מחצית השקל וואָס מען האָט געגעבען אין חודש אָדר צו קויפען קרבנות צבור מען איז זיך נוהג צו געבען דריי האַלבע מטבעות, ווייל אין פרשת כי תשא שטייט דריי מאָל תרומה, מען גיבט עס ביינאַכט פאַר׳ן לייענען די מגילה, מען צעטיילט עס פאַר אָרעמעלייט, אַ קטן איז פטור פון געבען אָבער ווען זיין פאָטער האָט געגעבען איינמאָל אָנשטאָט איהם מוז ער שוין אַלע מאָל געבען, איז ער דרייצען יאָהר אַלט, האַלטן א טייל אַז ער איז מחויב צו געבען און אַ טייל האַלטען אַז ער איז פטור ביז ער ווערט צוואַנציג יאָהר.

ו. פורים ביי מעריב, שחרית און מנחה זאָגט מען על הניסים האָט ער פאַרגעסען איז עס דערזעלבער דין ווי חנוכה.

ז. מען איז מחויב צו הערן לייענען די מגילה ביי נאַכט און ביי טאָג, סיי מענער סיי פרויען, דאַריבער זאָלען אויך מיידליך געהן אין שול הערן די מגילה, ווען זיי געהן ניט זאָל מען פאַר זיי לייענען אין דער היים, אויך קליינע קינדער זאָל מען איינגעוויינען צו הערן די מגילה, דאָך זאָל מען ניט נעמען אין שול גאַנץ קליינע קינדער ווייל זיי זיינען מבלבל די אַנדערע צוהערער.

ח. מען טאָר ניט לייענען די מגילה ביי נאַכט בעפאָר צאת הכוכבים אפילו עס פאַלט איהם שווער דער תענית. ער מעג אָבער עפּיס טועם זיין, ווי קאַפע און דערגלייכען, פאַר׳ן לייענען די מגילה כדי ער זאָל זיך אַ ביסל שטארקן פון דעם תענית.

ט. מצוה מן המובחר איז צו הערן די מגילה אין שול ווי

עס איז דאָ אַ גרויסער עולם, ווייל „די פראַכט פון קעניג איז צווישן אַ גרויסן פאָלק״ וועניגסטענס זאָלן זיין אַ מנין מענשן ווען ער האָט קיין מנין מעג ער ליינען פאַר זיך פון אַ כשר׳ע מגילה און זאָל מאַכן די ברכות, ער קען אויך מוציא זיין אַנדערע וואָס קענען ניט ליינען אפילו ווען עס איז ניט דאָ אַ מנין, אָבער די נאָך ברכות זאָגט מען נאָר ווען איז דאָ אַ מנין, אָבער אָהן שם ומלכות מעג עס אַ יחיד אויך זאָגען.

**י.** מען איז זיך נוהג אויסצושפרייטן די מגילה איין בלאַט אויפ׳ן אַנדערן אזוי ווי מען טוט צו אַ בריף, ווייל די מגילה ווערט אָנגערופען „בריף פון פורים״ אָבער די צוהערער מוזן עס ניט אזוי טאָן.

**יא.** ווער עס ליינט די מגילה ביי נאַכט און ביי טאָג מאַכט דריי ברכות, על מקרא מגילה, שעשה ניסים לאבותינו און שהחיינו. נאָכ׳ן ליינען וויקעלט מען צוזאַמען די מגילה און מען זאָגט הרב את ריבנו. ווען אן אבל ליינט די מגילה זאָל אַן אנדערער מאַכן די ברכות כדי ער זאָל ניט דאַרפן מאַכן אַ ברכה שהחיינו.

**יב.** מיט דער שהחינו פון בייטאָג זאָל מען אין זין האָבן אויך משלוח מנות ומתנות לאביונים און סעודת פורים, אויך דער שליח צבור זאָל אין זין האָבן מוציא צו זיין אויך די מצות.

**יג.** דער וואָס ליינט די מגילה זאָל זיך מכון זיין מוציא צו זיין אַלע צוהערער און אויך די צוהערער זאָלן אין זין האָבן יוצא צו זיין. מען זאָל הערן יעדעס וואָרט, ווייל ווען מען פאַרפעהלט איין וואָרט צו הערן איז ער ניט יוצא, דאַריבער זאָל דער בעל קורא אַכט געבען ווען ער זאָגט המן און עס איז אַ רעש און אַ טומעל זאָל ער וואַרטן אַ ביסל ביז עס וועט זיך איינשטילן דאַן זאָל ער ליינען ווייטער, דאָך זאָל יעדער טראַכטען צו האָבען אַ כשר׳ע מגילה און שטיל מיטזאָגן מיט׳ן בעל קורא יעדעס וואָרט ווייל טאָמער פאַרפעהלט ער צו הערן איין וואָרט פון בעל קורא אויך יעדע פאַרשטענדיגע פרוי זאָל האָבען אַ כשר׳ע מגילה צו הערן ווייל אין ווייבער שול איז שווער יעדעס וואָרט צו הערן און פרויען זיינען אויך מחויב צו הערן די מגילה גלייך ווי מענער.

**יד.** דער בעל קורא זאָגט די עשרת בני המן און אויך דאָס וואָרט עשרת אין איין אָטעמצוג צו ווייזען אַז אַלע זיינען געהאָנגען

געוואָרן אין איינעם. לכתחילה זאָל ער אָנהויבען פון חמש מאות איש אָבער בדיעבד, אפילו ווען ער האָט די עשרת בני המן ניט געזאָגט אין איין אָטעמצוג איז ער אויך יוצא. דאָס וואָס אַ טייל קהלות זיינען זיך נוהג אַז דער גאַנצער עולם זאָגט מיט די עשרת בני המן איז קיין ריכטיגער מנהג, נאָר דער בעל קורא זאָל עס אַליין זאָגען אַזוי ווי ער טוט די גאַנצע מגילה און קהל זאָל צוהערן. ווען ער קומט צו בלילה ההוא נדדה זאָל ער אַ ביסל דערהויבען זיין שטימע ווייל דאָרט האָט זיך אָנגעפאַנגען דער עיקר נס, ווען ער זאָגט האגרת הזאת זאָל ער טרייסלען די מגילה.

**טו.** ווער עס האָט אַ חומש אָדער אַ פסול׳ע מגילה זאָל ניט מיטזאָגען מיט׳ן בעל קורא ווייל ווען ער זאָגט מיט קען ער פאַר־הערן וואָס דער בעל קורא זאָגט אָדער קען זיין אַז אַן אַנדערער וועט הערן וואָס ער זאָגט און ניט דאָס וואָס דער בעל קורא זאָגט, אויך זאָל מען ניט מיטזאָגען מיט׳ן בעל קורא פון אויסנווייניג. די פיר פסוקי גאולה וואָס קהל זאָגט אויפ׳ן קול זאָל דער בעל קורא איבערליינען פון אַ כשר׳ע מגילה.

**טז.** ווער עס האָט שוין יוצא געווען מיט דער מגילה און ער ליינט מוציא צו זיין אַן אַנדערען זאָל דער וואָס איז יוצא מאַכן די ברכות, ליינט ער פאַר אַ פרוי איז בעסער ער זאָל מאַכן די ברכה און זאָגן לשמוע מגילה.

**יז.** מען מעג מטלטל זיין די מגילה אים שבת, דאָך ווען פורים פאַלט זונטאָג זאָל מען שבת ניט מיטנעמען די מגילה אין שול אפילו ווען עס איז דאָ אַן עירוב אין שטאָט, ווייל ער גרייט צו פון שבת אויף דער וואָכן.

**יח.** אַ צבור וואָס האָט אַ בעל קורא וואָס קען ניט ליינען מיט׳ן ניגון און די טראָפּען מעג ער ליינען אָהן דעם ניגון, דער עיקר זאָל ער אַכט געבען ניט צו מאַכן אַ טעות וואָס קען ענדערן דעם באַדייט פון וואָרט, ווען ער זאָגט אָנשטאָט ומרדכי יושב, ישב אָדער אָנשטאָט והמן נופל זאָגט ער נפל איז מען אפילו בדיעבד ניט יוצא, ער מעג מאַכן נקודות אין דער מגילה כדי ניט צו מאַכען קיין טעותים און עס איז בעסער ווי ווען ער הערט צו פון אַ חומש ווייל ווען ער האָט ניט געהערט אַ וואָרט פון בעל קורא נאָר האָט עס געליינט פון חומש איז ער ניט יוצא. ווען

עס האָט זיך יאָ געטראָפן אזוי, זאָל ער הערן נאָכאַמאָל דאָס ליינען פון אַ כשר״ער מגילה.

**יט.** ווען דער צבור האָט ניט קיין כשר׳ע מגילה, ווען עס איז געשריבען ווי דער דין איז נאָר עס פעהלט פון מיטן אייניגע ווערטער, ווען עס פעהלט ניט אַ גאַנצער ענין מעג מען ליינען דערפון מיט אַ ברכה נאָר דאָרט ווי עס פעהלט זאָל ער זאָגן פון אויסענווייניג אָדער פון חומש. האָבען זיי אָבער אין גאַנצען קיין מגילה ניט אָדער עס פעהלט פון אָנהויב אָדער פון סוף, ליינט יעדער פאַר זיך פון אַ חומש און מאַכט ניט קיין ברכה. אַ יחיד וואָס האָט אַ פסול מגילה מעג דערפון ליינען אָהן אַ ברכה.

**כ.** אַן אבל אין דער שבעה געהן אַן אַלע דינים פון אבילות ער זאָל זיך ניט באַטייליגען אין גאָר קיין שמחה אָדער די שיך אָנטאָן און זיצן אויף אַ בענקעל מעג ער, ווייל דאָס זיינען אויפ־פאַלענדע זאַכען. ביי נאַכט זאָל ער צו זיך אַהיים רופען אַ מנין צו ליינען די מגילה, קען ער דאָס ניט טאָן, זאָל ער דאַווענען אין דער היים דאַן געהן אין שול הערן ליינען די מגילה. פאַלט פורים מוצאי שבת זאָל ער געהן אין שול נאָך בייטאָג נאָך סעודה שלישית און בייטאָג מעג ער געהן אין שול צום דאַווענען און הערן די מגילה.

**כא.** איז איהם איינער געשטאָרבן אסתר תענית ביי נאַכט און ער איז ביי נאַכט אַן אונן בעפאָר דער קבורה זאָל ער הערן מגילה ליינען פון אַן אַנדערן. ער זאָל ניט עסען פלייש און ניט טרינקען וויין ביי נאַכט, ווייל מען איז ביי נאַכט ניט מחויב צו מאַכן אַ מאָלצייט, ביי טאָג נאָכדעם ווי מען האָט געענדיגט אין שול מאַכט מען די לויה, נאָכדעם זאָל ער דאַווענען און הערן די מגילה. האָט ער געהערט די מגילה בעפאָר דער קבורה איז ער אויך יוצא, עס איז אָבער גוט ער זאָל נאָכאַמאָל ליינען אָהן ברכות. תפילין זאָל ער ניט לייגען אפילו נאָך דער קבורה ווייל עס איז דער ערשטער טאָג פון אבילות. ביי טאָג מעג ער עסן פלייש און טרינקען וויין.

**כב.** אין דער פריה געהט מען אין שול. נאָך שמונה עשרה זאָגט מען האַלב קדיש, מען רופט אויף צו דער תורה דריי מענשען מען ליינט די פרשה ויבא עמלק, דערנאָך זאָגט מען האַלב קדיש

נאָכדעם שטעלט מען צוריק דאָס ספר און מען ליינט די מגילה מען זאָגט ניט אשר הניא נאָר נאָך האַל המושיע זאָגט מען שושנת יעקב, דאַן אשרי ובא לציון, קדיש מיט תתקבל. מען טוט ניט אויס די תפילין ביז נאָכ׳ן מגילה ליינען ווייל „ויקר״ (פראַכט) דרשנ׳ט מען דאָס מיינט מען תפילין, איז דאָ אַ ברית, מילה מאַכט מען עס בעפאָר דער מגילה ליינען, ווייל אויף „וששון״ (פרייד) דרשנ׳ט מען דאָס מיינט מען מילה.

כג. אין אַ שטאָט וואָס איז אַרום געצומען מיט אַ מויער פון דער צייט פון יהושע בן נון ליינט מען די מגילה דעם פינפ־צענטען טאָג אין אדר. עס טרעפט ווייניג אין אונזערע מדינות.

## דינים פון משלוח מנות און מתנות לאביונים

א. יעדער איז מחויב צו שיקען ווייניגסטענס צוויי מתנות צו איין מאַן ווייל עס שטעהט „געשענקע״ וואָס מיינט ווייניגסטענס צוויי „איינער פאַר׳ן אַנדערן״ דאָס הייסט פאַר איין מענשן און וואָס מעהר געשענק מ׳שיקט צו פריינד אַלס בעסער איז עס. עס איז אָבער בעסער צו געבען מעהר מתנות פאַר אָרעמעלייט ווי מען זאָל אויסגעבען מעהר אויף סעודת פורים און אויף משלוח מנות ווייל עס איז ניט דאָ אַ גרעסערע און שענערע שמחה ביי הקדוש ברוך הוא ווי דאָס אויפלעבען דאָס האַרץ פון אָרעמעלייט אלמנות און יתומים. ווער עס מאַכט זיי פריילין איז געגליכען צו דער שכינה וואָס עס שטעהט „ער לעבט אויף דאָס האַרץ פון אונטערדריקטע און די דעמיטיגע.

ב. געשענק הייסט נאָר אַ זאַך וואָס מען קען עס באַלד עסען אָהן צוגרייטונג ווי פלייש, געקאָכטע פיש (ניט קיין רויהע) געבעקס, פירות, ויין, מעד און דאָס גלייכן.

ג. יעדער איינער, אפילו אַן אָרעמאַן וואָס נעמט אַליין פון צדקה איז מחויב צו געבען ווייניגסטענס צוויי מתנות פאַר צוויי אָרעמעלייט ווייל עס שטעהט מתנות, וואָס מיינט מעהרערע, פאַר אָרעמעלייט, וואָס איז ווייניגסטענס צוויי אָרעמעלייט. מען זאָל ניט אונטערזוכען פאַר ועמען צו געבען, נאָר יעדער וואָס בעט גיבט מען איהם. אין אַן אָרט ווי עס איז ניט דאָ קיין אָרעמעלייט

זאָל ער דאָס געלד אַוועק לייגען ביז ער וועט געפונען אַרעמעלייט אָדער ער זאָל עס שיקען אין אַנדער אָרט.

ד. אויך פרויען זיינען מחויב צו שיקען משלוח מנות און מתנות לאביונים. משלוח מנות שיקט אַ פרוי צו אַ פרוי און אַ מאַן צו אַ מאַן. מתנות לאביונים מעג אַ פרוי שיקען פאַר אַ מאַן און אומגעקעהרט. אַ טייל פרויען פאַרלאָזען זיך וואָס דער מאַן שיקט שוין אויך פאַר זיי, עס איז אָבער ניט ריכטיג, זיי זאָלן שיקען אַליין.

ה. מען עסט און מען טרינקט און מען איז פריילעך אים פורים, אויך דעם פערצענטען טאָג אדער ביי נאַכט זאָל מען זיין פריילעך און מאַכן אַ ביסל אַ ברייטערע סעודה, ווען עס פאַלט אים מוצאי שבת זאָל מען עסען וויניגער שבת צו סעודה שלישית כדי ער זאָל קענען עסען ביי נאַכט, דאָך איז מען מיט דער סעודה ביי נאַכט ניט יוצא ווייל דער עיקר סעודת מצוה איז ביי טאָג, אַזוי ווי עס שטייט „טעג פון מאָלצייט". מען צינד אָן ליכט ביי דער סעודה פון ביי טאָג כדי עס צו מאַכן מעהר יום טוב'דיג אויך דעם פינפצענטען אדר ביי נאַכט זאָל מען זיין אַ ביסל פריילעך און ווייל מען מוז מקיים זיין די מצוה פון משלוח מנות און מתנות לאביונים נאָך בייטאָג און מען איז ביי טאָג זייער טרוד איז מען זיך נוהג צו מאַכן די סעודה פאַרנאַכט און עס אַריינ־ציען אין דער נאַכט. מען דאַווענט מנחה און דערנאָך מאַכט מען די סעודה. מען זאָל עסען וויניגסטענס דעם גרעסטען טייל פון דער סעודה נאָך ביי טאָג. ערב שבת מאַכט מען די סעודה אין דער פריה וועגען כבוד שבת. מען זאָל לערנען בעפאָר דער סעודה אַ רמז דערצו איז „פאַר די אידען איז געוועזן ליכטיג" און מען דרשנ'ט אַז דאָס מיינט מען תורה. אַ טייל זיינען זיך נוהג צו עסען גריינסען אים פורים, אַ זכר צו די גריינסען וואָס דניאל און זיינע חבירים האָבען געגעסען אין בבל און אויך צו די גריינסען וואָס אסתר האָט געגעסען, ווייל די גמרא דרשנ'ט אויף „ער האָט איהר און איהרע מיידליך משנה געוועזן צו גוטען" דאָס מיינט מען אַז ער האָט זיי געגעבען צו עסן גריינסען.

ו. ווייל דער גאַנצער נס איז געשעהן דורך וויין, ושתי איז גע"הרג'עט געוואָרען דורך טרינקען וויין און אסתר איז געקומען

אויף איהר אָרט, אויך די מפלה פון המן איז געוועזן פאַרבונדען מיט וויין, האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה מתקן געוועזן צו טרינקען וויין ביז ער וועט ניט וויסען אַן אונטערשיד צווישען „פאַרשאָלטן זאָל זיין המן" און „געבענשט זאָל זיין מרדכי". וועניג־סטענס זאָל מען טרינקען מעהר ווי מען טרינקט געוויינליך כדי מען זאָל געדענקען דעם גרויסען נס, דערנאָך זאָל מען ווערן אַנט־שלאָפן, ממילא וועט מען ניט וויסן דעם אונטערשיד צווישן „ארור המן" און „ברוך מרדכי", נאָר אויב ער האָט אַ שוואַכע נאַטור און אויך ווער עס ווייסט ביי זיך אַז ווען ער וועט טרינקען וועט ער חס ושלום מזלזל זיין אין אַ מצוה, אין אַ ברכה, אָדער אין אַ תפילה אָדער ער קען חס ושלום קומען צו קלות ראש, זאָל ער בעסער וועניגער טרינקען און אַלע זיינע מעשים זאָלן זיין לשם שמים.

ז. אַן אבל אפילו אין דער שבעה איז מחויב אין מתנות לאביונים און אויך אין משלוח מנות, דאָך זאָל ער נישט שיקען אַ זאַך וואָס איז גורם צו שמחה, און פאַר אַן אבל שיקט מען ניט משלוח מנות, אפילו אַ זאַך וואָס איז ניט גורם צו שמחה, איז ער אַן אָרעמער מאַן מעג מען איהם שיקען געלד אָדער אַ זאַך וואָס איז ניט גורם אַ שמחה, איז אין שטאָט קיין אַנדערער נאָר דער אבל און נאָך אַ איד, איז מען מחויב צו איהם צו שיקען כדי מקיים צו זיין די מצוה פון משלוח מנות.

ח. מען זאָל ניט טאָן אַ מלאכה אים פורים און ווער עס טוט אַ מלאכה וועט ניט זעהן דערפון אַ סימן ברכה. דורך אַ גוי מעג מען טאָן אַ מלאכה אזוי אויך מעג מען טאָן געשעפטען, מען מעג שרייבען אפילו פריינדשאַפטליכע בריף, מען מעג אויפשרייבען די חובות און מען מעג טאָן יעדע זאַך וואָס בעדאַרף ניט קיין גרויסע אָנשטרענגונג, מכל שכן אַז מען מעג שרייבען אַ מצוה זאַך. מען מעג אויך טאָן אַ ריכטיגע אַרבייט אויב עס איז לצורך פורים.

ט. דעם פינפצענטען טאָג אין אדר רופן מיר שושן פורים, מען זאָגט קיין תחנון, ניט אל ארך אפים, און ניט למנצח. עס איז אסור צו מאַכן אַ הספד און צו פאַסטען. מען מאַכט אַ ביסל אַ ברייטערען מאָלצייט און מען איז פריילין אבער מען זאָגט ניט על הניסים, מען מעג אויך מאַכן חתונות ווייל מיר לייענען ניט אין דעם טאָג די מגילה, אָבער אין דעם טאָג וואָס מען לייענט

די מגילה, וואָס דעמאָלט איז דער עיקר הנס מאַכט מען קיין חתונות ווייל מען מישט ניט אויס איין שמחה מיט אַ צווייטער.

י. אויך דעם פערצענטען און פינפצענטען טאָג אין אדר ראשון זאָגט מען קיין תחנון, ניט אל ארך אפים און ניט למנצח, און עס איז אסור צו מאַכן א הספד און צו פאַסטען און מען מאַכט אויך אַ ביסל אַ ברייטערע סעודה.